STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 03618

GEZAMLTE VERK

Hersh David Nomberg

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

ה. ד. נאָמבערג

געזאמלטע ווערק

אכטער באַנד

פארלאג „קולטור-ליגע", װארשע

ה. ד. נאָמבערג

מענטשן און ווערק
י. ל. פרץ

פארלאג „קולטור־ליגע", ווארשע

Printed in Poland

H. D. NOMBERG
MENCZN un WERK
געדרוקט אין 1000 עקז., וואַרשע 1930

Spółdz. Wydawn. „Kultur-Liga“
Warszawa 1930

Druk. „Di Welt“ Warszawa, Nowolipie 7

אינהאלט:

		זייט
י. ל. פרץ	(„דאָס פאָלק" 1917)	7
דער ניגון	(„דער פריינד" 1910)	14
דער פאָטער פון אַ ליטעראַרישער משפחה	(„וואַרש. טאַגעבלאַט" 1916)	21
ליטעראַרישער דור	(„דער מאָמענט" 1919)	26
פרצס טויט	(„היינט" 1915)	48
די לויה פון י. ל. פרץ	„ „	50
וועגען פרצס מצבה	(„דער מאָמענט" 1923)	52
גולד-נפטר	(„ „ 1924)	58
וואַנדאַליזם...	(„ „ 1925)	62
נאָך די פרץ-פייערונגען	(„ „ „)	64
אַ פרץ-מוזעום	(„וואַרש. טאַגעבלאַט" 1916)	68
אַ פרץ-פאָנד	(„ „ „)	70
דאָס מעשהלה פון פרץ	(„ „ „)	73
פרצס יאָרצייט	(„דער מאָמענט" 1917)	78
צו פרצס דריטן יאָרצייט	(„ „ 1918)	80
דער רוף פון פרילינג	(„ „ 1920)	82
ביי דער פרץ-מצבה	(„ליטעראַרישע בלעטער" 1925)	85
ער פעלט אונז!	(„דער מאָמענט" „)	88
די רעוויזיע פון פרצס שאַפן	(„ „ 1928)	91

י. ל. פרץ

(שטריכן צו זיין כאַראַקטעריסטיק.)

דאָרט גייען ארום די שאָטנס פון נאָך נישט געשעענעם, פון נאָך נישט באַשאַפענעם; אומרואיקע שאָטנס, וואָס רייסן זיך, קעגן גאָטס ווילן, צו ליכט און לעבן פאַר דער צייט, נאָך איידער ער האָט זיי מיט פלייש און בלוט פאַרקליידט.

*

ער איז פון די... וואָס קומען און פאַרשווינדן ווי אַ בליץ.

י. ל. פרץ.

אַ כאַראַקטעריסטיק פון פרצס שאַפן, פון זיין קינסטלערישער פערזענלעכקייט, איז נישט פון די גרינגע זאַכן. איך בין מסופק, צי אַן אָביעקטיווע כאַראַקטעריסטיק, אַן אויספירלעכע, וואָס זאָל אויסשעפּן דאָס מאַטעריאַל, איז אַן אַרבעט פאַר איין מענטש. ווייל דאָס מאַטעריאַל איז צו רייך, — פרץ האָט זייער פיל געשריבן, — דערביי איז דאָס מאַטעריאַל זייער שוואַך איבעוויייניק פאַרקניפּט און פאַרוועבט צווישן זיך; מער נאָך: דאָס מאַטעריאַל איז אַזוי פול מיט אינעווייניקסטע סתירות, אַז איר פילט זיך דעריין, ווי אין אַ וואַלד, וואו עס זענען צונויפגעמישט אַלערליי ביימער און אַלערליי געוויקסן פון פאַרשידענע קלימאַטן, געוויקסן, וואָס קאָנען, דאַכט זיך, אויף איין און דעם זעלבן באָדן, אונטער דעם זעלבן הימל, נישט געדייען. געוויס: די אַרבעט פון כאַראַקטעריסטיק וועט באַשטיין דערין, אויסצוטיילן פון דעם רייכן מאַטעריאַל דאָס וויכטיקסטע און כאַראַקטעריסטישע. לאָזנדיק אָן אַ זייט אַלץ, וואָס זעט אויס צו זיין צופעליק, און אַזוי ארום אָנ-

בוצייכענען די גרונט־ליניען פון דער אייגנאַרט, און דער פּערזענלעכקייט.

אָבער די דאָזיקע מלאכה אַליין — אויסצוטיילן דאָס וויכטיקע — איז שוין אַ סוביעקטיווע זאַך. מיר זעט אויס דאָס וויכטיק אין פּרצס שאַפן, אַן אַנדערן — עפּעס אַנדערש. די פּאָר באַמערקונגען, וואָס איך וועל דאָ געבן, קאָנען דעריבער נישט פּרעטענדירן נישט אויף אָביעקטיוויטעט, נישט אויף אויספירלעכקייט. זיי זענען אויך נישט דער פּראָדוקט פון גענויען שטודיום אין פּרצס ווערק. גיכער — אַ סוביעקטיווע אויפפאַסונג, באַגרינדעט אויף פּערזענלעכע איינדרוקן אין פאַרלויף פון צוויי יאָרן, ווי אַזוי ער האָט געלערנט, געשאַפן און געקעמפט.

*

פּרץ איז, ווי דאָס איז אַלעמען באַוואוסט, געווען אַ רעוואָלוציאָנער אין דער קונסט, אַ רעוואָלוציאָנער און צעשטערער אין דער ליטעראַטור. די פריילעכע אַרבעט פון אברהם אבינו, צו צעשמעטערן געטער, איז אים זייער געפעלן. ער האָט ליב געהאַט דאָס נייע, ער האָט געקעמפט קעגן אַלע שטאַרע פאָרמען. יעדע נייע ליטעראַרישע פאָרם, יעדע נייע „שול", אַלערליי „סעצעסיעס" האָבן ביי אים שטאַרק אויסגענומען, ער האָט אָנגעשריבן „דאָס שטריימל" און „מוסר", וואו אין נאָמען פון פרייהייט ווערן סאַרקאַסטיש און ביטער אויסגעלאַכט אונזערע געזעלשאַפטלעכע נאַרמען פון געשלעכטלעכן לעבן. דערביי האָט ער אָנגעשריבן די הערלעכע פּאָעמע „דריי מתנות", וואו עס ווערט באַזונגען די צניעות פון אַ בת־ישראל, וואָס פאַרגעסט נישט צו פאַרשפּיליען זיך דאָס קלייד בשעת אַ גרויזאַמער עקזעקוציע. דער רעוואָלוציאָנער, ווי איך איז באַקאַנט, האָט צוריקגעקערט צום רייכן עבר, און דווקא דאָרט האָט ער געפונען אַ פעסטן באָדן, און האָט זיינע הערלעכסטע זאַכן — די „פאָלקסטימלעכע געשיכטן" און די חסידישע מעשיות — געשאַפן.

די קליינע העברעישע ביכלעך „החץ" און „העוגב" זענען זייער און זייער כאַראַקטעריסטיש פאַר פּרצס שאַפן, פאַר די וועגן, וואָס ער האָט געזוכט אין דער קונסט מיט אַ יאָר 20 צוריק.

פאַראַן דאָרט אַ ליד „תמורה", וואָס האָט זײַן גלײַכן נישט, האַלב־מיסטיש און נעפּלדיק. פול וואונדערבאַרע קלאַנגען, טיף אין דער שטימונג און רײַך אין אויסדרוק. דאָרט וועט איר געפינען דעם פּרץ, אַזוי ווי ער האָט געוואָלט זײַן, דער פּאָעט פון דער צוקונפט, „פון נאָך נישט געשעענעם, פון נאָך נישט באַשאַפענעם, אָבער קוים געאַנטן". דער ריכטיקער גרויסער פּרץ אַנטפּלעקט זיך פאַר אונז גראָד אין די „פאָלקסטימלעכע געשיכטן" אַ רײַ יאָרן שפּעטער. און דאָ איז ער גראָד קלאָר, פאַרענדיקט, פאַרבענקט צו די שאָטנס פון דער פאַרגאַנגענהייט, אײַנגאַנצן פאַרזונקען אין זיי. מען ווערט אַ גלויביקער אין מזל, ווען מען באַטראַכט, וואו־הין פּרץ האָט אויסגעשפּרייט זײַנע זעגלען און ווי דער ווינט האָט זײַן שיף געטראָגן גאָר אין אַן אַנדער ריכטונג.

ווי אַזוי איז דאָס געשעען?

עס איז דערצו נויטיק, מיר זאָלן האָבן כאָטש אַ מאָס אין דער האַנט — אַ קלאָרע פאָרשטעלונג, וואָס איז קונסט. מיר וועלן דערבײַ בעסער טון, אויב מיר וועלן זיך אָפּשטעלן אויף דער נעגאַטיווער זײַט: וואָס קונסט איז נישט. בײַ שאָפּענהויער הייסט עס, אַז וואו איר געפינט דעם ווילן צום לעבן, דאָרט הערט אויף דאָס געביט פון קונסט. אויב אַלץ וואָס מיר טוען, קאָן דורכגעפירט ווערן צו דעם אײַנפאַכן ווילן, צו עקזיסטענץ, איז דערבײַ אַלץ, אין גרונט גענומען, זינד און הבל־הבלים, ווײַל דער העכסטער ציל איז דאָך די נישט־עקזיסטענץ, די פאַרניכטונג פון ווילן, די נירוואַנאַ. אויף דעם דאָזיקן שוואַרצן פּעסימיסטישן פאָן טיילט זיך אויס די קונסט, אַלס אַ טעטיקייט אַ „ריינע", וואָס איז נישט אײַנגעטונקט אין „הבלי־העולם", וואָס דערקענט צוליב דער־קענען, וואָס זעט דעם מהות.

מיר וועלן דעם גרונט־זאַץ נעמען אָן זײַן פּעסימיסטישן אונטערגרונט. קונסט מוז זיך באַפרײַען פון לעבן. די שע־סטע רעדע פון אַן אַדוואָקאַט קאָן נישט צוגערעכנט ווערן צום געביט פון דער קונסט, ווײַל זי האָט דעם ציל צו באַפרײַען דעם באַשול־דיקטן א. ד. ג. קיין פּערזענלעכן אָדער געזעלשאַפטלעכן אינטע־רעס איז נישט צו פאַרײַניקן מיט קונסט. דאָ ליגט דער סוד דער־

פון, וואָס די גרויסע רעאַליסטן, וואָס זייער קונסט שטייט אין באַ-
רירונג מיטן קאָכעדיקן לעבן, מוזן דערגרייכן צו אַ מדרגה פון
קדושים, הייליקע, כדי צו קאָנען פאַרענטפערן די פּראָבלעם: צו
זיין נישט-פ ע ר ז ע נ ל ע ך, צוצוגיין מיט דער באַציאונג פון גע-
טער צו דעם, וואָס שפּילט זיך אָפּ נישט נאָר אַרום זיי, נאָר אין
זיי, מיט זיי. געטהע, שעקספּיר, טאָלסטאָי האָבן דערגרייכט, אָדער
זיי האָבן געשטרעבט צו דערגרייכן צו אַזאַ מדרגה פון אויסטון
זיך פון לעבן און דאָך עמפּינדן עס אויפן שטאַרקסטן אופן.

אַנדערש איז, ווען דער פּאָעט שטרעקט אויס זיין האַנט
צו דער פאַרגאַנגענהייט, דאָרט ליגן וועלטן אָפּגעקילטע, טאַטן און
געפילן, וואָס באַרירן נישט פערזענלעך; אַנדערש איז אויך, ווען
ער שטרענגט אָן זיינע אָדלער-אויגן צו דער צוקונפט, פול דער-
וואַרטונג, פול ציטערניש פאַר דעם, וואָס דאַרף קומען.

מאָלט אייך אויס: איר זענט אין אַ שמוציק שטעטל, ס׳גע-
נוגט, אויב איר וועט זיך אויסדרייען זייטן פּנים, כדי צו האָבן אַ
לאַנדשאַפט, וואו דאָס קליינלעכע און פיינלעכע גייט פאַרלוירן, און
אויב איר האָט דאָס אויג פון אַ מאָלער, און די נשמה פון אַ דיכ-
טער אין זיך, מאָלט איר אַ הערלעכע וועלט. דאָס זעלבע, ווען איר
ווילט דורכן ווייטן גראָען נעפּל, וואָס פ אַ ר אייך, אַ נ ט ק ע ג ן,
וואָס דאָרט איז, וואָס אייך דערוואַרט, וואָסערע גרויסע גליקן און
נישט-אויסגעפּרוּוואוטע זעליקייטן דאָרטן ליגן באַהאַלטן, און איר
זינגט דאָס ליד פון דער צוקונפט.

אָבער פ אַ ר אייך איז שמוץ, פאַר אייך זענען ווילדע גע-
שרייען, אַ פאַרווירט לויפן, קללות, מיאוסקייטן, אומזין, איר מוזט
זיך אַליין הויך, הויך דערהויבן פונדאַנען, כדי דיכטע-
ריש עס צו עמפּינדן.

דאָס בענקען צו דער צוקונפט, דאָס צוריקקערן זיך צו דער
פאַרגאַנגענהייט, שטאַמען פון איין סיבה. פרץ האָט נישט געגלויבט
אין לעבן. ער האָט, דאַכט זיך מיר, ערגעץ-וואו ביטער אויסגע-
לאַכט אפילו די טעאָריעס פון פּראָגרעס, אַז אַלץ גייט צום גוטן.
נישט פּראָגרעס איז פאַראַן, נאָר אַ ריי פון חלומות. וואָס וועקס-
לען. דער מאָרגנדיקער חלום איז בעצם נישט בעסער ווי דער

געכטיקער, אוןביידע זענען נישט מער ווי שפּינוועבס, אָבער ער איז אַ נייער, נאָך נישט אויסגענוצט. און דעריבער איז ער נאָך אימשטאַנד צו געבן אַן אימפּולס צו לעבן, אַן אילוזיע. די גאַנצע קונסט פון לעבן באַשטייט אין דעם, צו שאַפן אילוזיעס, צו וועבן נייע חלומות. ער איז געווען אַ רעוואָלוציאָנער און מען קאָן זאָגן אַ סאָציאַליסט, נישט ווייל דער סאָציאַליזם איז אים געפעלן, נאָר דערפאַר, ווייל ער דאַרף ערשט קומען, ווייל „ער האָט נאָך נישט קיין פלייש און בלוט", פשוט גערעדט: ווייל ער געהערט נאָך נישט צו די לאַנגווייליקייטן פון לעבן.

פּרץ פלעגט ליב האָבן צו דערציילן אַ מעשהלע. איך האָב עס פיל מאָל געהערט פון אים, און יעדעס מאָל, ווען ער איז געניגט געווען צו פילאָזאָפירן. דאָס איז אַ מעשהלע פון אַ בן-מלך, וואָס דרייט זיך אַרום פאַרשפּאַרט אין אַ פּרעכטיקן גאָרטן, וואו ס'וואַקסן די שענסטע בלומען. אַן אַנזאָג האָט דער בן-מלך, נישט צוצורירן זיך צו די בלומען; אָבער די בענקשאַפט נאָגט אים ביים האַרץ, ער קאָן זיך נישט איינהאַלטן און פליקט אָפּ אַ בלימל. אָבער דאָ געשעט די מעטאַמאָרפאָזע, קוים רירט ער זיך צו מיט דער האַנט צום בלימל, ווערט עס אַ שטיק מיאוסע בלאָטע, און ער וואַרפט עס אַוועק מיט עקל. אַזוי גייט דורך דאָס גאַנצע לעבן פון בן-מלך צווישן בענקשאַפט און עקל.

אין תוך גענומען, איז עס האָפנונגסלאָזער פעסימיזם, וואָס ליגט אין גרונט פון פּרצס אָנשויאונגען. נישט נאָר גוטס און שלעכטס איז אַ פּראָדוקט פון קאַפּריזנע חלומות, נאָר אויך שיין און מיאוס זענען נישט מער, ווי אַן אויסדרוק פון אַ בענקשאַפט. אין דער רעאַליטעט איז אַלץ מיאוס.

דער פעסימיזם איז די מאַמע פון אַפּאַטיע. און וואָלט פּרץ געווען אויסגעהאַלטן אין זיינע אָנשויאונגען, וואָלטן זיי זיך שווער געלייגט אויף זיין לעבן און שאַפן. צום גליק האָט פּרץ געהאַט אַ צו לעבעדיקן טעמפּעראַמענט און אַ גרויסן שאַפונגס-דראַנג. די גאַנצע טרויעריקע פילאָזאָפיע באַרירט ווייניק זיינע טיפענישן,

העכסטנס איז זי נאָר דערויף פאַראַן, אויף צוצוגעבן אַ געוויסן חן און אַ צירלעכע קאָקעטעריע דער געזונטער לעבנס-לוסט.

אינטערעסאַנטער פאַר אַלעם איז אָבער ביי פּרצן און זייער באַראַקטעריסטיש, ווי אַזוי ער ב אַ ט ר אַ כ ט דעם העכסטן מאָמענט פון מענטשלעכער טעטיקייט — דעם פּראָצעס פון שאַפן. דאָס איז נישט ביי אים, ווי ביי אַנדערע גרויסע מייסטער, אַ מאָמענט פון דער העכסטער געשפּאַנטקייט פון אַלע גייסטיקע כּוחות, אַ מאָמענט פון קלאָרקייט און דורכזיכטיקייט, ווען די וועלט אַנטפּלעקט זיך אין איר עצם מהות פאַר דעם שאַפער, וואָס זעט מיט אָפענע אויגן; גאַנץ ווייט איז עס פון יענעם דענקען מיט ב י ל ד ע ר, דער אידעאַל פון ביעלינסקי. ביי פּרצן איז עס פּונקט פאַרקערט; אַ מאָמענט פון פולשטענדיקער טונקלקייט אין באַוואוסטזיין, אַ מין געטלעכע שיכּרות, וואָס באַפאַלט דעם שעפער: אַ ניגון, נישט בלויז אָן ווערטער, נאָר אַפילו אָן קלאַנגען — דאָס איז די העכסטע מדרגה פון אָט דעם צושטאַנד. פון אַלע קונסטן צייכנט זיך אויס די מוזיק דערמיט, וואָס זי אָפּערירט אַמווייניקסטן מיט די עלעמענטן פון אונזער באַוואוסטזיין, די אַזויגערופענע אילוסטרירנדיקע מוזיק געהערט צו די נייאיקייטן, אין תּוך אַריין איז די מוזיק דער אָטעם פאַר אונזער באַוואוסטזיין, וואָס פאַרשיכּורט און פאַרנעפּלט. ביי פּרצן איז דער העכסטער גייסטיקער מאָמענט שטענדיק צוזאַמענגעפּאָרט מיט אַזאַ מוזיקאַלישער שיכּרות פון גייסט. („מקובלים“, „משנת חסידים“, ערטערווייז אין דער „גאָלדענער קייט“), וואָס פאַר אַן אַנדערן איז די נירוואַנאַ, דאָס אַבסאָלוטע אויסלעשן פון באַוואוסטזיין דורך לאַנגע אָנשטרענגונגען פון געדאַנק, דאָס וויל פּרץ דערגרייכן דורך דעם ש ט י ל ש ו ו י י ג ן פון באַוואוסטזיין אין מוזיקאַלישן עקסטאַז.

אָבער בשעת די נירוואַנאַ איז אַ דויערנדיקער צושטאַנד, וואָס ווען ער ווערט איינמאָל דערגרייכט, ווערט דערגרייכט דערמיט די פּערזענלעכע אויסלייזונג אויף אייביק, איז דאָך דער מוזיקאַלישער עקסטאַז, דאָס שיכּרות פון גייסט, צו דענקען נאָר ווי אַ מאָמענט, וואָס גייט דורך. דאָס העכסטע גליק פון לעבן קאָן דורכגעלעבט ווערן נאָר „אין קורצע פאַריבערגייענדיקע מאָמענטן.

װאָס זענען נאָר בליצן אין דער אײביק-פינסטערער, גליטשיקער און מאַטערנדיקער נאַכט.

איר קאָנט אײך דענקען די װעלט, װי אַ גרױסע פינסטערע מאַסע; די פּערזענלעכקײט — אַ ברענענדיקע שטראַלנדיקע זון, װאָס אין איר ליכטיקײט דערזעט איר נישט די װעלט אין איר חעזן, אָבער די ליכטיקײטן זענען פאַרשידענע, און בײ פאַרשידענע קינסטלער זעט איר פאַרשידענע װעלטן. געטהע, שעקספּיר און די איבעריקע קלאַסישע קינסטלער גיבן אײך אַ רואיקע גלײכמאָסיקע און העלע ליכטיקײט פון טאָג; מעטערלינק — אַ ציטערדיקע ליכטיקײט פון בין-השמשות: בײ דאָסטאָיעװסקין האָט איר אַ ליכטיקײט, װאָס פלאַקערט איף גרין און רױט, פאַרטונקלט דורך שװאַרצע װאָלקן רױך, גלײך אַ װאולקאַן װאָלט געשפּריצט מיט פײער און לאַװאַ.

פּאַר פּרצן איז כאַראַקטעריסטיש די בליצאַרטיקײט פון זײן שאַפן, עס איז אַ בליץ, װאָס איבערראַשט אײך, און איר דערזעט אַ העלע לויטערע װעלט, װאָס װערט װידער באַלד צוריק אײנגעהילט אין פינסטערניש.

אַזױ װי פּרצס פילאָזאָפיע געפינט די אױסלײזונג אין אײן אײנציקן מאָמענט, אַזױ אױך זײן שאַפן גיט אונז די ליכטיקײט פון אַ בליץ — העל, גראַנדיעז, באַגלײט פון שטורעם, שטאַרק אין קראַפט, אָבער שװאַך אין דער דױער האַפטיקײט.

דער ניגון

דאָס בוך „חסידיש" פון י. ל. פּרץ.

דער ניגון איז דער תּמצית פון לעבן, דאָס חיות פון דער וועלט, די פאַרשטעלטע און באַהאַלטענע זייט פון איר.

„די גאַנצע וועלט איז נישט מער נאָר אַ זמר און אַ טאַנץ"...

„דאָס לעבן פון אַ מענטש איז אַ ניגון, אַ פרייליכער, צי אַ טרויעריקער ניגון, און אַז מען ענדיקט דעם ניגון, פליט אַרויס די נשמה פון גוף"... (משנת חסידים" 167).

אַזוי דערציילט דער חסיד פּרץ פון נעמיראָווערס מויל, נאָר די ווערטער האָבן גילטיקייט אויך פאַר אונז.

נישט מער, אָנשטאָט „דאָס לעבן פון אַ מענטש", לאָמיר זאָגן: „דאָס לעבן פון קינסטלער"; אָנשטאָט „די גאַנצע וועלט איז אַ זמר", לאָמיר זאָגן: „דעם קינסטלערס וועלט איז אַ זמר"... און מיר האָבן צוזאַמענגעשטעלט אַ פראַזע, וואָס קאָן גילטן פאַר אַן אמת אין דער פילאָזאָפיע פון דער קונסט:

יעדער קינסטלער זינגט זיין מעלאָדיע.

און „אַז מען ענדיקט דעם ניגון"? — נאָר אַ ניגון האָט „גלגולים", ווי פּרץ אַליין דערציילט אין זיין נאָוועלע — „אַ גלגול פון אַ ניגון" און עס ווענדט זיך, ווי מען זינגט אים, וואו מען זינגט א. אז. וו.

אויפן פּשוטן לשון, נישט אויפן חסידישן, וועלן מיר זאָגן: די מעלאָדיע, די „טעמע פון דער קאָמפּאָזיציע, האָט וואַריאַציעס. קאָן ווערן פאַרשידן האַרמאָנירט, אויף פאַרשידענע פּלים אויסגעלייגט... אייגנטלעך, ענדיקט דער קינסטלער קיינמאָל נישט

זיין ניגון! ווי לאַנג ער בלייבט קינסטלער, ווי לאַנג דער גייסט פון שאַפן האָט אים נישט פאַרלאָזן.

און דאָס בוך „חסידיש", וואו פרץ האָט געזאַמלט אַלע זיינע נאָוועלן און דערציילונגען, וואָס האָבן אַ שייכות צו חסידות און דעם חסידישן לעבן, איז דער בעסטער באַווייז דערויף. דאָס איז איין „טעמע", איין לייט-מאָטיוו, נאָר וויפיל וואַריאַציעס, וואָסערע עשירות פון האַרמאָניע!

אָט האָט איר זשאַנר-בילדער פון חסידישן לעבן, און צווישן זיי אַזוינע מייסטער-ווערק, ווי „הכנסת-כלה". נישט דאָס חסידות זעט איר דאָ, נאָר לעבעדיקע מענטשן, לעבעדיקע חסידים; איר זעט אַ מיליאָנער און אַ קבצן, ווי זיי רעדן צוזאַמען. און אין זייערע ווערטער איז נישטאָ קיין שפור פון דעם סאָציאַלן תהום, וואָס טיילט אָפּ אָרעם און רייך. נישט ר' עוזר דער מיליאָנער איז אַן עניו דערמיט, וואָס ער רעדט מיט מענדל-דלות, ווי מיט אַן אייגענעם, ווי אַ גלייכער צו אַ גלייכן, און נישט מענדל-דלות ווערט עפּעס דערמיט דערהויבן; נישט ער איז אַ קריכער, וואָס טשעפּעט זיך. עס איז פּשוט און גלאַט און נאַטירלעך און אַנדערש קאָן גאָרנישט געמאָלט זיין. דער תהום איז פאַרשוואונדן. עפּעס האָט דאָך אים געמוזט אויספילן. יאָ, דאָס איז דער אייגענער ניגון, פּרצס מעלאָדיע, די נשמה פון אַלעם מגושמדיקן און אויסערלעכן, וואָס ווערט דאָ געזונגען שטילערהייט, באַהאַלטן. דאָס האָט אויסגעפילט דעם תהום, און דאָס איז דאָס געשאַפענע.

די מעלאָדיע — האָט דאָ באַקומען ליניעס און פאַרבן און האָט זיך, ווי יעדע נשמה, באַהאַלטן אונטער איר „לבוש"; דער פּענזעל פון מייסטער האָט דערפון אַ בילד אויסגעמאָלט.

אָט זעען אַ ריי נאָוועלן אין אַ לייכטן שפּילעוודיקן סטיל געשריבן, „פון פראָסט-חסידישן שטייגער". „ער, זכרונו לברכה, און זיינע מקורבים" — דאָס איז אַ לייכטער פעליעטאָן פון חסידות. דאָס פּאָעטיזירטע חסידות, געמישט מיט זיין וואָכעדיקן אויסזען; דער געשילדערטער רבי וואַקסט לגמרי נישט אויס אויף אַ מענטש פון אַ העכערער אַרט, פון אַ נשמה יתירה, ווי דער נעמיראָווער,

ווי דער יונגער מקובל, ווי דער ביאַלער און אַנדערע. עס באַ־קומט זיך גיכער אַ קליינלעכער באַגרענעצטער פאַנאַטיקער, און די באַציאונג פון דיכטער אַליין צו אים איז אַ געמישטע און אַ געבראָכענע: אַביסל לאַכט ער אָפּ, אַביסל פילט ער זיך דערצו צוגעבונדן... פאַרט ז ײ ן חסידות, דער ברונעם, פון וואַנען ער האָט זיין ניגון געשעפּט! וואַרף נישט קיין שטיין אין אַ ברונעם, וואָס דו האָסט געטרונקען פון איר וואַסער!

איך בין זיכער: ווען פּרץ וואָלט אָט דאָס אייגענע מאַטע־ריאַל באַאַרבעט מיט אַ יאָר 20 צוריק, דעמאָלט, ווען דער ניגון האָט זיך נאָך נישט געזונגען קלאָר אין זיין באַוואוסטזיין, דע־מאָלט, ווען זיין קונסט איז געווען אַזוי „אומשולדיק", אַז זי האָט געטראָגן מיט זיך, ווי אויף צו להכעיס, פּונקט דעם היפּך פון אַלעם, וואָס פּרץ דער ראַדיקאַל האָט געטראַכט באַוואוסטזיניק — אָט דעמאָלט, ווען ער וואָלט דאָס מאַטעריאַל „פון אַ פּראָסט־חסידישן שטייגער" אויסגענוצט, וואָלט דערפון אַרויסגעקומען אַ גיפטיקע סאַטירע קעגן חסידים אויפן אַלטן משכיל־ישן שטייגער. היינט איז דערפון געוואָרן אַ לייכטער פעליעטאָן, וואו צוזאַמען מיט אַ הומאָר, וואָס איז קוים צו דערקאָנען, קלינגט אַ טאָן פון אַפּאָלאָגיע, פון אַ פאַרטיידיקער. דער פּראָסטער רבי, וואָס ווערט דאָ געשילדערט, האָט דאָס נישט פאַרדינט. וואָס טוט אָבער נישט אַ פּאַרל בטער פאַר זיין געליבטער, און וואָס טוט נישט אַ קינסט־לער פאַר זיין ניגון!

עס מאַכט נישט אויס. דער זינגער האָט אַ ווײַלע אָטעם גע־כאַפּט. ער איז אַ ווײַלע אַרויס פון זיין פאַרטיפטן ערנסט, האָט זיך מיט אַ שמייכל אומגעקוקט אויף דעם אַנטציקטן עולם, און האָט, ווי אויף קאַטאָוועס צו טרייבן, געזונגען עטלעכע לאַכנדיקע, הומאָריסטישע אַקאָרדן. איר וועט קיין פּרעטענזיעס נישט האָבן, פּרצס אַ חסידישער פעליעטאָן איז אויך אַ זאַך, וואָס דעם מייסטערס האַנט ליגט דערויף.

בפרט נאָך, אַז באַלד דערנאָך ווערט איר דורכגענומען מיט אַ טיף־ערנסטער שטימונג. איר האָט אויף אַ פרייער לאָנקע באַלעם אָדער טעניס געשפּילט, און עס איז געווען לאַכנדיק און

רירעוודיק. איצט זענט איר אין אַ טיפן אַלטן וואַלד אַריין. שאַ, שטיל, און האָרך אויף! דו ביסט אַליין מיט דיין נשמה, און זי וועט זיך דיר אַנטפּלעקן. אַ שטיל געוויש ציט אין דער הויך איבער די שפּיצן, און דער אייביקער סוד, וואָס שרעקט און אַנטציקט צוזאַמען, איז אייך באַפאַלן.

דאָס איז דער איינדרוק פון „די מקובלים״.

אַ הויכער גאָטיק, וואָלט איך געזאָגט, מיט אַ שפּיץ, וואָס פאַרלירט זיך אין די וואָלקן.

איז דאָס חסידות? ניין. עס איז נאָך מער ווי חסידות. ס'איז דאָס אייביקע געטלעכע אין מענטשן, דאָס רעליגיעזע, מיסטישע, וואָס דאָס חסידות איז נאָר איינס פון זיינע פאָרמען. עס קלינגט, ווי אַ מעשה פון האר״י הקדוש צייטן: איר קאָנט אייך דענקען אונטער דעם מקובל און זיין תלמיד אַ בודיסטישן נזיר. אַ קריסט-לעכן הייליקן, די איסיים אין די היילן פאַרן חורבן. פיר תעניתים האָט דער תלמיד דורכגעפאַסט. און אַז מען ברענגט אים צו עסן, רוקט ער אַוועק די שיסל. ער האָט דערווייל אַ הרהור-עבירה געהאַט... און ביינאַכט געשעט דאָס גרויסע און דערהויבענע. דער תלמיד דערגרייכט די גרויסע בחינה. ער הערט אין זיך אַ ניגון זינגען, אָט יענעם ניגון. וואָס האָט קיין טענער נישט, וואָס זינגט זיך פון זיך אַליין, אין די געדערים, און — די נשמה גייט אים אויס.

„די מקובלים״ זענען איינס פון די וועלטענע ביי אונז יאָ-וועלן מיט אַ גרויסן דראַמאַטישן איבהאַלט. מען קאָן ווי אויף די פינגער ציילן, אָט די זאַכן, וואָס אָפּלעזנדיק זיי, בלייבט מען לאַנג אונטער זייער איינדרוק. ווייל זיי דערשיטערן און לאָזן איבער אַ הילכיק ווידער-קול אין דער נשמה.

און עס מיוס באמת ווי, וואָס אין דער נאָוועלע אין הויכן סטיל געהאַלטענער, האָט זיך דער פּאָליטאַניסט און ראַציאָנאַליסט געקליגלט אַריינצוכאַפּן מיט אַ זיבן שורות. דער ראַציאָנאַ-ליסט פּרץ פּאַרטייטשט און לייגט אויס אויפן טעלער, פונקטאָ-נען דער חשק צו קבלה געמט זיך, און עס פאַרשטייט זיך, על-פּי שכל הישר נעמט זיך דער חשק צו קבלה פון הונגער. ווייל „ממה

נפשך. דאַרף מען אויף־זיין גאַנצע נעכט און הונגערן, לאָז מען כאָטש דערפון הנאה האָבן" א. אַ. וו. די זיבן שורות פּאַסן צו דער זאַך פונקט אַזוי ווי... נו, לאָמיר זאָגן, ווי אַ פּאָר שעלקעס צו אַ סימפאָניע. גוט, וואָס נישט מער ווי זיבן שורות. דער קלוגער לעזער לאָזט זיך איינבינדן דאָס בוך און פוילט זיך נישט און נעמט אַ פעדער און פירט איבער מיט שוואַרצער טינט איבער די זיבן שורות: און ער האָט פאַרדינט אַ מצווה; געריייניקט אַ מקום־קדוש פון אַביסל שפּינוועבעכץ.

אָדער, ווען מיר וועלן רעדן אויף חסידיש לשון: און „הערט ער אַ פרעמד קול אין אַ ניגון, מוז ער אים אַרויסטרייבן, ווי אַ דיבוק, רחמנא לצלן, עס זאָל, חס ושלום, נישט איבערפירן דעם ניגון" (ז. 169)

מיר האָבן ביז אַהער געזען די פאַרשידענע וואַריאַציעס, דערמיט זענען זיי אָבער נאָך נישט אויסגעשעפּט, עס קומט נאָך אַ סעריע — „יוחנן מלמדס מעשהלעך", וואו דער זשאַנר מיט דער חסידישער ליריק און פילאָזאָפיע זענען צוזאַמענגעגאָסן אין איין גאַנצער האַרמאָניע; „דער משוגענער בטלן", וואָס איז אַ זאַך פאַר זיך און האָט צו חסידות אַ קנאַפּע שייכות, דערביי אָבער איז עס איינע פון די שענסטע זאַכן, נישט בלויז אין דעם בוך; „פיר דורות — פיר צוואות", „אויב נישט נאָך העכער" (דאָס לעצטע דערנענטערט זיך שוין צום סטיל פון די „פאָלקסטימלעכע געשיכטן") א. אַ. וו.

דער לייט־מאָטיוו אַליין אָבער, די „טעמע", וואָס אַרום איר דרייען זיך אַלע וואַריאַציעס און שעפּן פון איר זייער יניקה — בלייבט נאָך אַנצווייזן, דאָס איז די קליינע זאַך „משנת חסידים", וואָס איז אומבאַדינגט די קרוין פון דעם בוך. איר האָט דאָ דעם ניגון אין זיין ריינער פאָרם, ווי דער יונגער מקובל האָט אים געהערט, אַ ניגון אָן קולות, אַ נשמה אָן אַ גוף. זי ווירקט, ווי אַ העלער בליץ פון אַ שווערער כמאַרע אין אַ פינסטערער נאַכט. די שוואַרצקייט ווערט פּלוצלינג באַלויכטן, דער גאַנצער מהות פון חסידות, זיין קווינט־עסענץ איז דאָ קאָנצענטרירט. „משנת חסידים" איז אוממעגלעך צו ציטירן, אָדער איבערצוגעבן דעם אינ־

האַלט. „אַ ניגון קאָן מען נישט זינגען פון הינטן אַרויף". אַ סימ־פּאָניע לאָזט זיך נישט ציטירן.

דער העלד איז דער נעמיראָווער; דערציילן דערציילט אַ חסיד, און כאָטש די זאַך דערמאָנט בשום אופן נישט קיין שום אייראָפּעישע ליטעראַרישע פאָרם, האָט אַן אָריגינעלן סטיל, אַ מין רעטשיטאַטיוו, וואו איר קאָנט די טאַקטן נישט ציילן, געפינט זיך דאָ פאָרט יעדע זאַך, יעדע פראַזע אויף איר ריכטיקן אָרט, און די הויפּט־פיגור, ווי די נעבן־פיגורן קומען אַרויס (אָן שילדערונג!) קלאָר, בולט, פיל מער, ווי אין דער שילדערונג „צווישן צוויי בערג", אפילו דעם „קאָוואַלער דיין", דעם אייזערנעם מוח, וואָס פאַרנעמט אינגאַנצן פינף שורות דאָ, זעט איר ווי לעבעדיק.

*

*

איך האָב בכיוון דורכגעלאָזט עטלעכע גרעסערע נאָוועלן פון חסידישן לעבן, ווי „אַ גילגול פון אַ ניגון" און אַנדערע, וואָס זענען מער באַוואוסט צווישן דעם אינטעליגענטן פובליקום, כאָטש זיי האָבן בשום אופן נישט פאַרדינט אויסגעצייכנט צו זיין פון פּרצס חסידישע זאַכן, פאַרקערט: איר זעט דאָ די שוואַכע זייט פון דיכטער. עס איז דער פּרץ, וואָס זינגט נישט דעם ניגון, נאָר שאַפט באַוואוסטזיניק. דאָ ליידן על־פּי־רוב זיינע זאַכן פון זייטיקע בילדער. אַ נויגונג צו פאַרביקער שטאַרקער בילדלעכקייט און עפעקטן פון געהער און פון חוש־הראיה פירט אים אַראָפּ פון וועג, און צווישן זיי ווערט דער אייגנטלעכער „ניגון" פאַרלוירן. אַזאַ נאָוועלע, „ווי אַ גלגול פון אַ ניגון", וואָס איז אַ גאַנצע אַרכיטעקטור לויט איר בוי, לאָזט פאָרט דעם לעזער קאַלט. העכסטנס קאָן ער באַוואונדערן די קאָמפּליצירטקייט פון דער אַרבעט; אַנטציקן וועט זי אים נישט. וואָס איז נישטאָ אין דער נאָוועלע? פאַרביק־שרייענדיקע קאָלירן פון סטענגעס, וואָס וואַרפן זיך ווי שלאַנגען אין דער לופט ביי דעם זייבל. וואָס טאַנצט אינמיטן גאַס פאַר אַן אָרעמער כלה; אַ שלאַקס־רעגן מיט דונערן און

בליצן, א חתונה, א טעאַטער, אַן אָרעם בלינד מיידל. — אַן עשירות פון מאַציון, וואָס יעדער באַזונדער וואָלט גענוג געווען פאַר אַ קינסטלערישער שאַפונג. צוזאַמען אָבער מאַכט עס נישט קיין גאַנצן עסטעטישן איינדרוק. שוין צופיל אַרכיטעקטור און צופיל בילדלעכקייט, און ווער נאָך ווי פּרץ ווייסט, אַז דער עיקר איז נישט דער „לבוש", נאָר דער תּמצית, נישט דער גוף, נאָר די נשמה, נישט די טענער אַליין, נאָר די מעלאָדיע: די דיסטאַנצן, וואָס צווישן די טענער?

דאָס בוך „חסידיש" איז אַן אוצר אין דער יידישער ליטעראַטור. ערשט איצט, ווען די נאָוועלן זענען געזאַמלט צוזאַמען אין איין בוך, וועט מעגלעך זיין צו אָריענטירן זיך אין דעם איינגעאַרטיקן דיכטערישן זשעני פון י. ל. פּרץ. דאָס וועט אויך געבן דעם שליסל צו זיינע איבעריקע ליטעראַרישע ווערק, ווייל די גרויסקייט פון י. ל. פּרץ דאַרף מען אומבאַדינגט זוכן דאָ, אין „חסידיש".

ער איז דער מוזיקאַלישער טאַלענט, דער ניגון.

פּרצס זאַכן — די ערשטראַנגיקע, פאַרשטייט זיך — זענען שטיקער ברענענדיקע התלהבות, און זיי ווערן געשאַפן, ווי די ניגונים פון נעמיראָווער, אין ברען, אין שיכּרות פון גייסט.

פּרצן זאָל מען זען אין זיין גרויסקייט, ווען ער שטייגט זיך אַליין איבער, ווען ער פאַרלירט זיך אינגאַנצן אין זיין ניגון.

דער פֿאָטער פֿון אַ ליטעראַרישער משפּחה

מען קאָן נישט רעדן וועגן אַ פּרץ-שול אין דער ליטעראַטור. ער איז נישט געווען קיין רבי, וואָס האָט אויפגעשטעלט תּלמידים, וואָס ער איז געווען באמת, דאָס איז — אַ פֿאָטער פֿון אַ ליטעראַרישער משפּחה.

דער רבי, דער גרינדער פֿון דער ליטעראַרישער שול, גיט די ליניע, די ריכטונג, און די תּלמידים טרעטן אויס דעם וועג. פּרצס באַדייטונג, זיין פֿרישקייט און גלאַנץ, זענען געלעגן גראָד דערין, וואָס ער האָט נישט ליב געהאַט די אויסגעטרעטענע וועגן, אפֿילו נישט די, וואָס זענען פֿון אים אַליין אויסגעטרעטן געוואָרן.

האָבן אַ סטיל — דאָס הייסט אין אַ געוויסער מאָס זיך אַליין איבערחזרן. די פֿאָרמירטע, אָפּגעשטעלטע פּערזענלעכקייט אַנטפּלעקט זיך אין איר בעסטן און באַדייטנדסטן ווערק. די רעשט איז — פּערעפֿראַזן; ווייל וואָס קאָן אַ פּערזענלעכקייט, אַ פֿאַרטיקע, אָפּגעשטעלטע, געבן דער וועלט מער ווי זיך אַליין? און אויב דאָס איז איינמאָל געשען, קאָנען מיר נישט באַקומען, ווי נאָר וואַריאַציעס פֿון דער מוזיקאַלישער טעמע. אין זיינע פּריוואַטע געשפּרעכן, אין זיינע קורצע שאַרפֿע אורטיילן וועגן שרייבער און שרייבעריי, פֿלעגט ער דאָס רופֿן „אַלט ווערן“ זוכן, שטענדיק זוכן! בלאָנדזשען, שטענדיק בלאָנדזשען! אָבער געפֿינען און האַלטן זיך פֿעסט ביי דעם געפֿונענעם, ווי ביי דער לעצטער גאָטס מתּנה, דעם לעצטן אויסדרוק פֿון אמת; אָבער אָפּשטעלן זיך אויף אַ פֿאַקט מיט אַ רואיקן געוויסן און צופֿרידענעם געפֿיל פֿון „ענדלעך, ענדלעך האָב איך עס“, — דאָס האָט פּרץ פֿון טיפֿן האַרצן נישט געקאָנט ליידן. אַן אַדלער זאָל נישט זוכן קיין באַקוועמע דירות, אַ נעסט אפֿילו איז אַן איבעריקע זאַך. דער ווייטערברייטער שטח איז פּוסט,

אָבער — ער איז פריי און אומענדלעך. נאָר ניט אײַנאָרדנען זיך אַ באַלעבאַטישקייט. ער האָט נישט נאָר אין לעבן, נאָר אין דער ליטעראַטור גופא ליב געהאַט דעם ציגײַנער, דאָס שטענדיקע וואַנדערן פֿון סטיל צו סטיל, פֿון פאָרם צו פאָרם.

דער סוד פֿון פּרצס שאַפֿן ליגט אין דעם, וואָס ער איז ביז צום לעצטן אָטעם (וואָס ער האָט אויסגעהויכט מיט אַ קינדער־ליד) געווען אַ ג ע ב י אַ ל ע ר אָ נ פ אַ נ ג ע ר . אומעטום האָט זיך געפֿילט דער ערשטער ברען, דער צוזאָג אויף דעם, וואָס דאַרף ערשט נאָכקומען אין זײַן גאַנצער גרויסקייט. אין יעטוועדער פֿון זײַנע געלונגענע זאַכן פֿילט זיך דער טראַץ פֿון דעם יונגן קינסטלער: „וואַרט צו! ערשט וועל איך ווײַזן דער וועלט!“ שטענדיק איז עס בײַ אים אַן אָנהייב און נישט קיין סוף. אומעטום איז עס בײַ אים דער ציטער פֿון אַ קינסטלער פֿאַר דעם אומבאַקאַנטן. נישטאָ בײַ אים דער טאָן פֿון הרחבה און זיכערקייט, פֿון דעם אַלטן און געניטן געליבטן פֿון די מוזעס, וואָס קומט שטענדיק צו דאָס זײַניקע, און ער ווייסט. אַז קיין אָפּזאָג איז פֿאַר אים נישט פֿאַראַן. אַ יונגער פֿאַרליבטער איז ער שטענדיק.

נישטאָ דעריבער קיין פּרץ־שול אין דער ליטעראַטור. מען קאָן זיך נישט פֿאָרשטעלן אַ צווייטן, וואָס זאָל קומען נאָך פּרצן, ווי אַ שטייגער, שלום־עליכם, וואָס איז געקומען נאָך מענדעלע־מוכר־ספֿרים. אמת, עס זענען געמאַכט געוואָרן פּראָבעס און אונזער ליטע־ראַטור נאָכצואַמען פּרצס שניט אין די חסידישע מעשׂיות און אין די פֿאָלקסטימלעכע געשיכטן, אָבער די דאָזיקע פּראָבעס האָבן צו גאָר־נישט (וואָס זאָל האָבן אַ ווערט) געפֿירט, און עס איז כמעט נישטאָ אויף וואָס אָנצווײַזן. מײַנסטנס איז דאָס עלנט־מלאכה. גראָד די, וואָס זענען באמת געוואַקסן אונטער זײַן גליקלעכן אויג, וואָס האָבן אויפֿגעבליט אונטער זײַן שטראַלנדיקער. באַפֿרוכטנדיקער פּערזענלעכקייט — גראָד זיי זענען אין סטיל, אין דעם פֿאָרם און אין די מאָטיוון געגאַנגען גאָר אויף אַנדערע וועגן. בײַ שלום אַש, ווײַסנבערג, רייזין איז שווער צו געפֿינען שפּורן פֿון פּרצן.

און נאָך דעם אַלעם איז דאָך קלאָר פֿאַר אַלעמען און עס דאַרף נישט ערשט געזאָגט צו ווערן, אַז מיט פּרצן הייבט זיך אָן

אַז עפּאָכע אין אונזער ליטעראַטור, אַז ער שטייט אָן דער שפּיץ פון אַ ליטעראַרישן דור, און אפשר דורות, אַז זיין באַדייטונג איז נאָך פיל מער ווי פון אַ גרינדער פון אַ שול.

דער פאָטער פון אַ ליטעראַרישער משפחה איז ער, דער דערציער פון אַ דור. דער רבי האָט אָנצוּוויזן דעם וועג: אָט האָט איר דעם אמת, און איר האָט אים צו פלעגן, צו פאַרפלאַנצן און אָפּצוהיטן. דאָס איז אַ באַגרענעצטע באַציאונג. אונטער דער געבענטשטער השפעה פון אַ פאָטערלעכער באַציאונג, פון פאָטער־ליבע, פון יענעם עלעמענט, וואָס האָט שטענדיק אין זיך דעם אָפּקלאַנג פון אומענדלעכקייט, געדייען קינדער, אַנטוויקלען זיך כאַראַקטערן, און יעדער גייט זיין וועג, און וואו ער גייט און וואו ער קערט זיך, באַגלייט אים די פאָטערלעכע ברכה.

מען דאַרף די ווערטער נישט צו פאַרשטיין אין דעם זין, וואָס פרץ האָט ליב געהאַט די יונגע שרייבער, וואָס האָבן זיך גרופּירט אַרום אים. דאָס איז אַ קאַפּיטל פאַר זיך, און עס געהערט צו זיין ביאָגראַפיע, נישט אַהער. איך וואָלט געזאָגט, אַז יעטוועדע משפחה, זייענדיק פאַרבונדן דורך דער געמיינזאַמקייט פון בלוט, איז אין דער זעלבער צייט די טרעגערין פון אַ וועלט־אָנשויאונג, וואָס געלאַנגט נישט צום באַוואוסטזיין. זעלבסטפאַרשטענדלעך, איז עס גערעדט נאָר אין דעם פאַל, ווען די משפחה האַלט זיך אַלס משפחה און ווערט נישט צערונען אין דער אַרומיקער סביבה. אין לעבן טרעפט עס זעלטן, אַבסטראַקט אָבער איז עס ריכטיק. ביי פרצן האָט די ליטעראַרישע משפחה אין אַ ריינער פאָרם עקזיסטירט אַ לאַנגע ריי פון יאָרן. עס איז געווען ביי אַלעמען דאָס געפיל פון געמיינזאַמער אָפּשטאַמונג, אַלע האָבן זיך געפילט באַפרוכטעט פון איין און דער זעלבער זון. און אַלע האָבן אין זיך געפילט די אָנוועזנהייט פון עפּעס אַזוינס, וואָס קאָן אָנגערופן ווערן: די נשמה פון דער משפחה.

עס איז געווען די ליבע צו קונסט, די אמתע אינערלעכע (אין גרונט גענומען נאַטירלעכע, וואָס קאָן זיך אָבער אַזוי זעלטן אַנטוויקלען) שטרעבונג צום שיינעם און דערהויבענעם און וואָרן, די ליבע, וואָס ווייסט נישט צו וואָס און פאַרוואָס, וואָס האָט

מיט נוצלעכקייט גאָרנישט צו טון. ווער עס האָט געזעען פּרצס שטראַלנדיקע אויגן, בשעת ער האָט זיך אַנטציקט פון אַ געלונגענער זאַך, דער האָט זיך מיט דער ליבע געמוזט אָננעמען און איז געוואָרן באַפּרוכטעט פון איר. פון די קנייטשן פון שטערן איז אַראָפּ די זאָרג, און דאָס אויג האָט זיך אויסגעלייטערט אַפילו ביי די מענטשן מיט די טריבסטע מחשבות אונטער פּרצס בליק אין אַזוינע מאָמענטן. ווער עס האָט געקענט זיינע סימפּאַטיעס צו די ערשטע יידישע רעוואָלוציאָנערן, דער האָט געוואוסט, אַז זיי האָבן כלל נישט באַרוט אויף איבערצייגונגען, אָדער נייגונגען צו געוויסע פּאָליטישע שיטות; דאָס איז געווען נישט מער און נישט ווייניקער, ווי אַן אויסדרוק פון דער זעלבער ליבע צום שיינעם. דערהויבענעם און וואָרן. צו וואָס דאָס פּירט? — איך בין מסופק, צי ער האָט זיך אַמאָל ערנסט געשטעלט אַזוינע פראַגן. די מענטשן האָבן געהאַט קלאָרע אויגן, אין זייערע ווערטער האָט ער געהערט אַ ריינעם קלאַנג. און דאָס איז געווען גענוג און איבערגענוג.

אַזאַ ליבע באַפּרוכטעט באמת, אַזאַ ליבע קאָן אויפציען אַ דור. דאָס איז דער קוואַל, פון וועלכן אַלע קאָנען טרינקען און אויפגעפרישט ווערן, וואָס ווערט אָבער קיינמאָל נישט טרוקענער.

און אַ צווייטער מאָמענט איז פאַראַן אין דעם, וואָס האָט פּרצן געמאַכט פאַר דעם פאָטער פון אַ משפחה; אַ מער באַוואוסטזיניקער, וואָס האָט שוין, קאָן מען זאָגן, אַ פּאָליטישן הינטער-גרונט. דאָס איז געווען דער ג ל ו י ב ן א י ן פ אָ ל ק, אין זיינע באַהאַלטענע כוחות, אין די שלאָפנדיקע פּאָטענצן.

נישט אין דעם געשאַפענעם זאָל מען זוכן דעם שווער-פּונקט, נאָר אין דעם, וואָס וועט ערשט געשאַפן ווערן. ער האָט טיף געגלויבט אין גרויסע הערטפולע קולטור-מעגלעכקייטן און אַנטוויקלונגס-מעגלעכקייטן, וואָס זאָלן ציען זייער יניקה פון די נידעריקע שיכטן, פון דער גרויסער, גרויסער מערהייט פון יידישן פאָלק. ער איז געווען איבערצייגט, אַז פאַר דער גרויסער מערהייט האָט ביז אַהער נאָר אַ קליינער נישט באַדייטנדיקער טייל פון פאָלק גע-

רעדט, געשאַפן און געצויגן „די גאָלדענע קייט" — די תּלמידי־חכמים. די רבנים און ראשי־הקהל, אַז ערשט, ווען עס וועלן וואַך ווערן די דאָזיקע פּאַטענצן, וואָס רוען אונטן, וועט קומען דער גרויסער טאָג פון יידישן שאַפן.

אין דער ליבע און אין דעם גלויבן האָט ער געלעבט און געווירקט, און דורך זיי איז ער געוואָרן דער דערציער, דער אמתער פּאַטער פון אַ ליטעראַרישן דור.

די יונגע יידישע ליטעראַטור שטייט באמת ביי זיין קבר איצט, שוין אַ יאָר נאָך זיין טויט, און האָט אַלץ נאָך דאָס געפיל פון „יתומים היינו"...

אַ ליטעראַרישער דור

איך האָב געקענט פּרצן אַן ערך 18 יאָר, די לעצטע יאָרן פון זיין לעבן און די פּרוכטבאַרסטע אין זיין ליטעראַרישער טעטיקייט. די דאָזיקע יאָרן באַדייטן אויך אַ תּקופה אין דער יידישער ליטעראַטור, אַ גאַנצער ליטעראַרישער דור. פּרץ איז דער פירער פון דער תּקופה, ריכטיקער וועט זיין צו זאָגן: דער מיטלפונקט פון דער תּקופה, אַ צענטער פון השפּעות. אַלץ שפּיגלט זיך ביי אים אָפּ און שטראַלט צוריק, אַזוי ווי פון אַ ברען-גלאָז. ער איז נישט קיין גרינדער פון אַ ליטעראַרישער שול, ווייל ער איז ביז צום לעצטן טאָג פון זיין לעבן געווען אַ זוכער און אַ שטרעבער, ער איז שטענדיק איבערגעשפּרונגען פון סטיל צו סטיל. דער ליטעראַרישער דור אָבער, וואָס האָט זיך גרופּירט אַרום אים, זיינע תּלמידים, זענען נישט געגאַנגען אין זיינע דרכים. כמעט יעדער פון זיי האָט זיין אויסגעטרעטענעם וועג, זיין געביט און זיין סטיל. פּרץ איז געווען — איך האָב דאָס שוין ערגעץ-אַנדערשוואו געזאָגט — אַ פּאַטער פון אַ ליטעראַרישער משפּחה. דער לעבעדיקער אינטערעס צו דער ליטעראַטור, דער דראַנג צו שאַפן, די טיפע ליבשאַפט צו אַלץ, וואָס איז שיין און דערהויבן, די דאָזיקע ליבשאַפט, וואָס האָט דאָמינירט איבער אַלע ליידנשאַפטן פון זיין שטורמישער נאַטור — דאָס האָט, קודם-כּל, געמוזט ווירקן מאַגנעטיש אויף אַלץ. וואָס איז דעמאָלט געווען לעבעדיק און שעפעריש אין אונזער וועלט. די דאָזיקע 18 יאָר באַדייטן אויך פּרצס וואוקס, די צייטיקסטע ווערק האָט ער דעמאָלט געשריבן, זיין שפּעטער זומער איז עס געווען, ווען ער האָט זינגענדיק געשניטן, וואָס ער האָט אַמאָל געזייעט מיט אַ לייכטזיניקער האַנט, כמעט אָן ערנסט און אָן האָפענונג — די יאָרן פון זיין וואַקסנדיקן רום.

וועגן די דאָזיקע יאָרן וויל איך שרייבן. אָבער איך מוז פֿריער אויסרעדן מיטן לעזער, ער זאָל נישט דערוואַרטן פון מיר קיין זכרונות. איך האָב כמעט גאָרנישט נאָטירט פון זיין לעבן, און אויף מיין זכרון קאָן מען זיך קנאַפּ פאַרלאָזן, סיידן, ווען דאָס דערמאָנטע באַדייט פאַר מיר אָן איינדרוק, אַ דורכגע־לעבטע זאַך. דערמיט אַליין איז שוין געזאָגט, אַז די דאָזיקע שורות מוזן, צי איך זאָל יאָ וועלן, צי נישט, טראָגן אַ ביסל אַ סוביעקטיווע פאַרב. אין מיין זכרון איז לעבעדיק, ווי אַזוי פּרץ האָט געווירקט אויף זיין סביבה, ווי אַזוי די סביבה האָט אויף אים געווירקט, די פאַרשידענע ליטעראַרישע השפעות, וואָס ער האָט אויפגענומען אין זיך; יענע גייסטיקע פעדערן, וואָס האָבן דעמאָלט געטריבן די וויַיזערס פון דער צייט. פּרץ איז דאָך גע־ווען אַזוי עמפּינדלעך אויף יעדן מינדסטן ריר אין דער אַטמאָס־פערע פון דער צייט!

אַ בינטל איינדרוקן, דערלעבענישן, פאַרקניפּטע מיט פּרצן און זיין טעטיקייט — אָט וואָס דער לעזער האָט צו דער־וואַרטן.

א

פּרץ אין מיין פאַנטאַזיע.

אלול איז אַ חודש פון זאָרג, פון ערנסטע געדאַנקען און אַ שווערן געמיט פאַר אַ יונגעמאַן אין אַ קליין שטעטל, וואָס שטעקט נאָך קערפּערלעך און גייסטיק אין דער וועלט פון דער רעליגיע. יענער אלול פאַלט אויס גראָד אין דער צייט פון דעם גרויסן רעליגיעזן ברוך, ווען עס דאַכט זיך, די ערד וואַקלט זיך אונטער די פיס און דער הימל פאַלט איין איבערן קאָפּ. ס'איז געשען ביי מיר אַזוי מיטאַמאָל, מיט אַזאַ דעצידירטקייט. אין דער פרי־האָבן איבער מיר נאָך געהאָנגען זיבן הימלען, איך האָב זיך גע־אַמפּערט, געשטאַרקט, געקלאַמערט זיך מיט די לעצטע כוחות אָן מיין רעליגיעזער וועלט־אַנשויאונג. פאַרנאַכט איז שוין געווען נאָך

אלץ. איך האָב איינגעזען, אַז אומזיסט איז יעדע מי צו דער־האַלטן דעם בנין, וואָס איז שוין אַזוי אויך געשטאַנען אויף שטרוי־ענע פיס. איך האָב פאַרצווייפלט, און דער בנין איז איינגעפאַלן, ווי אַ קופּע דורכגעפוילטע בעלקעס. מיין „איך" איז געבליבן באַ־גראָבן אונטער די חורבות.

דאָס איז יענע קאַטאַסטראָפע פון מענטשן, וואָס זענען דערצויגן אין אַ טיפער אמתער רעליגיעזיטעט. פון וועלכער זעלטן איינער קומט אַרויס גאַנץ, אַן קענטיקע שפּורן אויף זיין גאַנצן לעבן. שווער און פּאַמעלעך גייט צו די היילונג, און וואָס טיפער די רעליגיעזיטעט, אַלץ דערשיטערנדיקער די קאַ־טאַסטראָפע.

איך האָב מיך געוואָרפן, אַ דורשטיקער, אויף די „ביכלעך", אויף דער העברעישער ליטעראַטור פון יענער צייט. אָבער אָנשטאָט צו ברענגען עפּעס אַן אָנהאַלט, אָנשטאָט אויסצופילן די מוראדיקע פּוסטקייט, וואָס האָט זיך באַזעצט אין מיר, האָבן די „ביכלעך" מיך נאָך דערצערנט און אָפּגעשטויסן פון זיך. מיר האָט אויסגעזען, אַז דאָס האָבן געשריבן לייכטזיניקע מענטשן. אַ יונגערמאַן האָט ליב געהאַט אַ מיידל, דאָס מיידל האָט אים יאָ ליב געהאַט, צי נישט. אַ רב האָט געאַסרט אַן עגונה צוליב אַ קוצו של יוד... וועגן אַלץ אויף דער וועלט רעדט מען דאָ, אָבער נישט וועגן עיקר, וועגן דער עצם־פראַגע: וואָס טוט מען אויף דער וועלט, וואָס איז אַזוי פּוסט און אַזוי וויסט? וואָסער זין האָט דאָס לעבן, וואָס איז באַגרענעצט מיט 70 יאָר און ענדיקט זיך מיט טויט און פאַרניכטונג?

איך האָב מיך געפילט נידערגעשלאָגן, אונטער דעם דרוק פון אַ קרענקלעכער מרה־שחורה. גייסטיק און פיזיש געבראָכן.

די ערשטע נאַכט פון סליחות, אַ קילקייט האָט זיך שוין געפילט אין דער לופט, בין איך געלעגן אין דער בודע פון אַ סאָד, וואָס מיינער אַ באַקאַנטער, אַ משכיל, האָט געהאַלטן. ער האָט מיר געוויזן אַ ניי ביכל, וואָס ער האָט אויסגעשריבן פון וואַרשע. „העוגב" האָט עס געהייסן. דאָס ביכל האָט געהאַט דעם פּאָרטרעט פון מחבר, י. ל. פּרץ, אַ יונגער מענטש, מיט אַ ראַזירט פּנים, דיקע וואָנסעס און אומגעהויער קלוגע אויגן. ער איז געווען ווינטערדיק

אַנגעטון, דער פּוטערנער קאַלנער האָט דערוף עדות געזאָגט. איך האָב גענומען בלעטערן דאָס ביכל מיט אַפּאַטיע, זייענדיק פריער איבערצייגט, אַז איך וועל דערין גאָרנישט געפינען. אַזוי ווי איך האָב נישט געפונען אין אַלע איבעריקע ביכלעך, נאָר אומפאַרשטענדלעך פאַר מיר אַליין, נישט אַנענדיק ווי אַזוי דאָס איז געשען, האָט מיך דאָס ביכל אַזוי באַוועלטיקט, אַז מיין באַקאַנטער האָט נישט געקענט פאַרשטיין, וואָס מיט מיר האָט פּאַסירט. איך האָב די שירים געלייענט, איבערגעלייענט, און נישט געוואוּסט ווי אַזוי איך האָב זיי געלייענט. ...בייליק איך זיי גענומען אויסזינגען. ביי „הגידי לי, תמורה" האָב איך געהאַט פולע אויגן מיט טרערן.

אַז מיין באַקאַנטער האָט מיך געפרעגט, איך זאָל אים דערקלערן, וואָס שטייט דאָ אַזוינס, וואָס האָט מיך אַזוי צערודערט, אַז מיין נידערגעשלאָגענע אַפּאַטיע איז איבערגעגאַנגען אין עפּעס אַ מאָדנעם עקסטאַז, בין איך נישט געווען אימשטאַנד אים דאָס צו דערקלערן. איך האָב אַליין קוים געהאַט עפּעס אַ באַגריף וועגן דעם, וואָס אייגנטלעך באַדייט דאָס וואָרט „פּאָעזיע", צי „שיינקייט".

עפּעס איז וואַכנדיק געוואָרן אין מיר אין יענער נאַכט. דער ערשטער שטאַרקער איינדרוק פון פּאָעזיע איז דאָס געווען, און ער האָט געשטאַמט פון דעם מענטש אין פוטערל, דער אומבאַקאַנטער און דאָך אַזוי נאָענטער.

אַז איך האָב דערנאָך אויפגעהויבן די אויגן צום אייסגעשטערנטן טונקעלן הימל, האָט ער מיך מער נישט געשראָקן מיט זיין ווי־סטער, פוסטער אומענדלעכקייט...

און פון דעמאָלט אָן, ווען די מרה־שחורה האָט מיך צוגעדריקט, האָט זיך אין מיין פאַנטאַזיע אויסגעריסעוועט אַ ווינטערדיקע שנייאיקע לאַנדשאַפט, אַן איין שטאָקיק הויז מיט אַ שמאָל גערטנדל פאַר די פענסטער און ביימער מיט צוגעפרוירענעם טוי, אַ יונגערמאַן אין אַ פוטערל שפּאַצירט אַרויס...

מיין חלום איז דאָס געווען.

ווי אַזוי וועט אָט דער יונגערמאַן מיט די קלוגע אויגן ענטפערן אויף מיין גרויסער פראַגע, — דערפון האָב איך נישט גע-

קלערט. אָבער זיכער בין איך געווען, אַז דער ענטפער מוז קומען פון דאַנען, אַז דאָס זינ:ענדיקע קליינע ביכל מוז עפּעס האָבן אַ שייכות צו דער גרויסער רעטעניש פון דער וועלט.

דאָס איז דער ערשטער איינדרוק פון פּרצן. דער ערש־טער איינדרוק איז, זאָגט מען, דער, וואָס דעצידירט און וואָס דויערט אַמלענגסטן. איך מיין, ער איז כאַראַקטעריסטיש פאַר דער צוגעבונדנקייט פון אַ גאַנצן ליטעראַרישן דור צו דעם ליטע־ראַרישן רבין.

אויסערלעך האָט עס זיך ביי יעדן פאַרשידן אויסגעדריקט, אַנדערש איז עס דורכגעלעבט געוואָרן. אינערלעך איז עס געווען די זעלבע באַציאונג פון גלויבן און צוטרויען, וואָס מען שענקט דעם פאַרגעשריטענעם אין גייסט.

ב.

נאָך די „בלעטלען“.

פּרץ איז אין זיין לעבן געשטאַנען אונטער אַלערליי השפּעות. ער האָט געהאַט אַ קנאַפּע צוגעבונדנקייט צו אידעען — ער איז געווען אַ אמתער פרייער פויגל, אַ דאָן זשואַן אין דער וועלט פון אידעען: ער האָט געלעבט מיט דער לעצטער און שענסטער אידעע. וואָס האָט באַוועלטיקט זיין האַרץ. אין דער טיפעניש פון זיין וועלט־אַנשויאונג איז עס געלעגן, וואָס ער האָט זיי טראַקטירט אַזוי ווי שיינע פרויען, און האָט זיי געשטעלט די פאָדערונג, וואָס מען פאָדערט פון אַ פרוי, דהיינו, זי זאָל זיין רייצנדיק, שיין שטראַלנדיק און אַמוזאַנט, און — זי זאָל נישט פאָדערן קיין חופה מיט אַ כתובה און אַ פאַרבינדעניש אויף איי־ביק. אויף דעם דאָזיקן געביט פון אַלערליי פּאָליטישע, מאָראַ־לישע און עסטעטישע אני־מאמינס, איז ער אָן שום ספק געווען דער גרעסטער אָנהענגער פון „פרייער ליבע“.

מיט איין תנאי: אַז דאָס זאָל נישט זיין גלאַט אַזוי אַ תאוהלע, נאָר טאַקע אַ ליבע, וואָס פאַרכאַפּט, פאַרשיכּורט און

פאַרבלענדט, וואָס מאַכט די אייגן גלאַנצן, און רירעוודיקער דאָס בלוט אין די אָדערן.

איך האָב געטראָפן פרצן אין אַ צייט, ווען ער איז געווען באַרוישט פון סאָציאַליסטישע אידעען, אמת, נישט גענוג קלאָרע און דורכגעטראַכטע. עס איז געווען באַלד נאָך די „יום-טוב-בלעטלעך“, אין אָנהייב פון דער אַרבעטער-באַוועגונג אויף דער יידישער גאַס. אַרום פרצן האָבן זיך דעמאָלט גורפּירט עטלעכע יונגע סאָציאַליסטן. צו זיי האָט געהערט אויך דוד פּינסקי, וואָס האָט אין די „בלעטלעך“ פאַרטרעטן שוין אַ „שטאַנדפּונקט“ אַ סאָציאַליסטישן. דער „בונד“ האָט זיך דעמאָלט נאָך נישט געהאַט אָרגאַניזירט, פון די איבעריקע יונגעלייט זענען געווען אָנהענגער און מיטגלידער פון די פּ. פּ. ס. און אויב איך האָב קיין טעות נישט, פון „פּראָלעטאַריאַט“, די ערשטע סאָציאַליסטישע אָרגאַניזאַציע אין פּוילן. פּינסקין האָב איך שוין נישט געטראָפן אין וואַרשע, עטלעכע פון יענער גרופּע, וואָס האָט מיטגעהאָלפן ביים אַרויסגעבן און פאַרשפּרייטן די „בלעטלעך“, האָבן זיך יאָ נאָך געהאַלטן נאָענט צו פרצן. די דאָזיקע נאָענטקייט האָט געבראַכט פרצס אַרעסט, פאַר אַ פאַרלעזונג פאַר שטרייקנדיקע אַרבעטער. דער אַרעסט האָט געדויערט דריי חדשים.

פון דער „יידישער ביבליאָטעק“ ביז צו די „יום-טוב בלעטלעך“ איז אַ היפּשער שריט פאָרויס. און דער ערשטער שטייט פרץ נאָענט צו אַ קרייז פּויליש-יידישער דיפּלאָמירטער אינטעליגענץ. פּראָפ. דיקשטיין, ד"ר גאָלדפלאַם און דער פאַרשטאָרבענער גראָסגליק, דער סעקרעטאַר פון דער יידישער גמינע האָבן די אונטערנעמונג געשטיצט, דער לעצטער האָט, דאַכט זיך, מיטגעאַרבעט, די הקדמה צו דער „יידישער ביבליאָטעק“, כאָטש אין ליטעראַרישן זין גלענצנד אויפגעשריבן, קאָן נאָר לויט דער פאָרם גילטן אַלס אַ ניי וואָרט; אין אונזער פּובליציסטיק קאָן זי בלי-ספק דינען פאַר אַ קלאַסישן מוסטער, אָבער אין תוך אַריין, לויט דעם אינהאַלט נאָך, געהער זי צו דער משכילישער ריכטונג, דער לאָזונג איז „בילדונג“, דער „זשאַרגאָן“ איז אַ מיטל, אמת, נישט ווילנדיק ווערט דאָס מיטל דאָרט אַזוי

געבערטלט און עס פילט זיך דערצו אזא צוגעבונדנקייט, אז ס'פּאַסט גאָרנישט צו דער אָפיציעלער באַקענטעניש. איך האָב געהערט, אַז די דאָזיקע אָפּציעלע שורות זענען דירעקט געשריבן געוואָרן אונטער דעם איינפלוס און פאַרלאַנג פון פּראָפ. דיקשטיין. אויף יעדן פאַל אָבער האָט זיך פּרץ אין דער „ביבליאָטעק" נישט אָפּגעטיילט פון קרייז וואַרשעווער משכּילים צו יענער צייט. מיט עטלעכע יאָר פריער איז ער איינער פון די טעטיקסטע מיטאַרבעטער ביי דער דורכפירונג פון דער יידישער סטאַטיסטיק דורך דעם געשמדטן מיליאָנער בלאָך, וואָס האָט זיך געשטעלט דעם ציל אויפצודעקן די יידישע אָרעמקייט פאַר דער רעגירונג. די „רייזע-בילדער" זענען די ליטעראַרישע ירושה פון יענער אונטערנעמונג, און — דער איינציקער פּאָזיטיווער רעזולטאַט, וואָס האָט מער ווערט פון דער גאַנצער סטאַטיסטיק, וואָס האָט זיך געענדיקט מיט גאָרנישט, אָן וויסנשאַפטלעכן און אָן פּראַקטישן רעזולטאַט.

אין די „בלעטלעך" פאַרשווינדט דער אַלטער משכּילישער טאָן אינגאַנצן. דאָס איז נישט קיין אויסנווייניקסטע ענדערונג, אַ צופּאַסונג צו די אומשטענדן. פּרץ רייסט אינעווייניק איבער מיט די אידעען פון די וואַרשעווער משכּלים. ער ווערט איינערלעך פאַרפרעמדט פון דעם דור שרייבער, צווישן וועלכע ער לעבט. ער שטייט אין דער שאַרפסטער אָפּאָזיציע צו דער גאַנצער העברעישער פּרעסע און ליטעראַטור פון יענער צייט.

אין דער צייט, ווען איך האָב אים געטראָפן, איז נישט נעווען קיין שרייבער, קיין שום ליטעראַרישע דערשיינונג, אחד העם צי י. ל. גאָרדאָן, וואָס פּרץ זאָל האָבן דערפאַר מער ווי עטלעכע קורצע ווערטער פון פולשטענדיקן ביטול. דעם ערשטן איינדרוק, וואָס איך האָב געהאַט פון אים, איז געווען ווי פון אַ מענטש, וואָס לייקנט אין אַלץ און אין אַלעמען. דאָס, פאַרשטייט זיך, איז געווען זייער צוגעפּאַסט צו מיין דעמאָלטיקער שטימונג, און האָט מיר שטאַרק אימפּאָנירט. ווען איך בין געוואָרן נייגיריק צו וויסן אויך די פּאָזיטעווע זייט, וואָס ליגט נאָך דעם „גאָרנישט", האָב איך געהאַט ווייניק גליק.

איך בין געקומען קיין וואַרשע מיט דער הילף פון אַ קרייז וואַרשעווער סטודענטן-סאָציאַליסטן. די ערשטע סאָציאַליסטישע אַקאַדעמישע קרייזלעך פון וואַרשעווער אוניווערזיטעט האָבן זיך פאַרנומען מיט אויפקלערונג-אַרבעט. זיי האָבן אַגיטירט פעיקע יונגעלייט פון דער פּראָווינץ און האָבן זיי צוגעגרייט אין אוניווערזיטעט אַריין. איך האָב דעם סטודענט, וואָס האָט איינגעאָרדנט מיין קומען קיין וואַרשע, געזאָגט, אַז איך שרייב, און האָב אים געבעטן, ער זאָל מיינע — „שירים" ווייזן איינעם י. ל. פּרץ און אים געזאָגט דעם אַדרעס. ער האָט דאָס געטון נישט גערנוויליק. ער האָט דעם נאָמען פּרץ נישט געהערט. אין עטלעכע טעג אַרום האָט ער מיר געבראַכט די ידיעה, אַז פּרצן זענען די „שירים" זייער געפעלן און אַז ער בעט מיך אַרויפצוקומען. דער סטודענט האָט קוים געהאַט אַן אַנונג, וואָס די בשורה באַדייט פאַר מיר: די פּערספּעקטיוו צו זען פּרצן, צו קענען מיט אים לענגער רעדן איז געווען דער צוועק פון מיין רייזע, דער אוניווערזיטעט מיט דער אויפקלערונג — אַן אויסרייד. אפשר אַ נעבן-זאַך.

איך בין געווען לאַנג געקליידט, נאָר איך האָב זיך נישט זשענירט. וואָס טייטש? ער וועט זיך רעכענען מיט אַזוינע ריין-אויסגעווייביקסטע זאַכן? ער האָט מיך ווירקלעך אויפגענומען גאָר, גאָר פריינטלעך, האַרציק. גערעדט האָט מען רוסיש, וואָס איך האָב אינדערהיים באַוויזן צו לערנען אַביסל פון אַ מעטאָדע.

— די שירים טויגן צו גאָרנישט. זיי זענען נישט צייטיק, כאָטש אין זיי איז פאַראַן פיל טאַלענט.

און ער האָט גענומען אָנווייזן באַזונדערע שטעלן, האָט געלויבט און געטאַדלט. אין פאַרלויף פון געשפּרעך האָט ער שוין געהאַט אָפּגעפּאַרטיקט אַלע גדולים פון יענער צייט. איך האָב ביי אים אויסגענומען דערמיט, וואָס קיין גרויסע אָפּאָזיציע פון מיין זייט צו זיין אומבאַרמהאַרציקער קריטיק, צו זיינע שאַרפע אַרונטעררייסנדיקע אויסדרוקן, האָט ער נישט געטראָפן. נאָר ביי עפּעס אַ האַרב וואָרט קעגן אחד-העמען האָב איך רעאַגירט. עס האָט מיר שוין אויסגעזען צו שאַרף קעגן דעם שרייבער, צו וועלכן

איך האָב געהאַט אַ גרויסע מאָס אַכטונג, וואָס האָט ביי מיר פּי־גורירט באַזונדער, נישט צווישן די „לייכטזיניקע, וואָס פּלאַפּלען און רעדן גלאַט"...

פּרץ האָט נישט געדאַרפט מער, ווי אַן אָנרעגונג. ער איז אַריין אין אַזאַרט. ער האָט גענומען וואַרפן מיט בליצן פון סאַרקאַזם נישט נאָר קעגן אחד־העמען, נאָר קעגן אַלץ און אַלע: קעגן דעם גאַנצן גייסטיקן פאַרמעגן פון יענער צייט, מיט ציוניזם, חיבת־ציון און „השכלה" צוזאַמען: אַ באַרג אַש איז געבליבן.

איך האָב די חורבות נישט געהאַט וואָס צו באַוויינען. ווייל קיין היים און קיין נעסט האָב איך דאָ נישט געהאַט אויפגעבויט נאָך דער גרויסער „שרפה" פון דער רעליגיעזער וועלט.

אינמיטן דעם געשפּרעך האָט זיך פּרץ פּלוצלינג געווענדט צו מיר:

— וואַרפט אַוועק די העברעישע שירים, שרייבט אויף יידיש, וועט איר ברענגען נוצן דער וועלט.

— און וואָס וועט זיין, אַז איך וועל ברענגען נוצן? — האָב איך געפרעגט.

פּרץ האָט מיך אָנגעקוקט עפּעס גאָר מיט אַן אַנדערן אַרט בליק. דער שפּראָלדיקער פאַרביקער טאָן פון זיין געשפּרעך האָט זיך געענדערט:

— אַז איר וועט ברענגען נוצן, וועט איר זיין מאָראַליש צופרידן.

— און אַז מען איז מאָראַליש צופרידן, איז וואָס? מען קאָן לעבן און שטאַרבן און נישט זיין מאָראַליש צופרידן.

ער האָט מער קיין שמייכל אויף זיינע ליפּן נישט געהאַט פאַר מיר. אין קאַלטע ווערטער האָט ער מיר געענטפערט:

— דאָס מוז מען פילן.

איך האָב מער נישט געפרעגט. דער גלאַנץ פון זיינע אויגן און דער שמייכל פון זיינע ליפּן, וואָס זענען פאַרשוואונדן, האָבן מיך אין אַ רגע געמאַכט געדענקען דעם מהלך צווישן מיר, אַ

לאַנג געקליידטן יונגעמאַן פון דער פּראָווינץ, און... י. ל. פּרץ.

דינעזאָן איז אַריינגעקומען, און עס איז ווידער געוואָרן הימלעך.

ג.

מאָדערניזם.

איך האָב שוין געזאָגט, אַז פּרץ איז פריער פאַר אַלעם אַ צענטער פון השפּעות, אַ ברען-גלאָז פאַר די גייסטיקע שטראַלן פון דער עפּאָכע, פון אָט דער זייט ווילן מיר איצט אים זען. ערשט דערנאָך, ווען מיר וועלן זיך קלאָר מאַכן די אַלע השפּעות, וועלן מיר קענען אַרויסגעפינען, וועלכע פון זיי זענען געווען באַשטענדיקע, טיפע, וועלכע — צופעליקע און דורכגייענדיקע; וועלכע פון זיי ער האָט אַסימילירט אין זיך און זיי האָבן באַפרוכטעט זיין פּערזענלעכקייט און זיין שאַפן, וועלכע פון זיי האָבן זיך נאָר אָפּגעשלאָגן צוריק, ווי פון אַ שפּיגל.

און אָט וועט זיין אינטערעסאַנט צו באַקאָנען זיך מיטן גייסט פון יענער צייט, ביי וועלכער מיר האַלטן, מיט דער ליטעראַרישער ריכטונג, וואָס איז געווען אין דער מאָדע און האָט באַהערשט די ג״סטער.

ניטשע איז געווען דער פּראָטעסט קעגן דעם מאַטעריאַליזם פון פריערדיקן דור, קעגן דעם וואולגאַרן דעמאָקראַטיזם, קעגן דעם פאַרלאַנג אונטערצוואַרפן דעם מענטש אונטער דער געזעלשאַפט און דער סביבה. דער אינדיווידואַליזם האָט באַקומען זיין גרעסטן נביא.

די דאָזיקע גרויסע פאַליע פון אינדיווידואַליזם איז געבראָכן געוואָרן אין פאַרשידענע קליינע פאַליעס, איינע פון זיי האָט געהייסן מאָדערניזם. די פאָרשטייער זענען געווען פּשיבישעווסקי און סטרינדבערג. שפּורן פון אים איז צו באַמערקן ביי מאַפּאַסאַנען און אפילו ביי טשעכאָוון. עדגאַר פּאָ, דער אַלטער גייסט

פון דעם יונגן אמעריקע, האט געלעבט און געשריבן פריער, אָבער, ווי באוואוסט, איז ער געשטאָרבן פאַרלאָזט, עלנט און נישט־באוואוסט אויסער די גרענעצן פון זיין פאָטערלאַנד. ערשט אין יענער צייט ווערט ער „אַנטדעקט“, געערט און גע־לייענט.

דער דאָזיקער מאָדערניזם איז אַזוי ווייט געווען פון דער סטיכיע, וואָס פון איר האָט ער געשטאַמט, און דאָך איז ער גע־ווען אַ לייבלעך קינד פון איר. ניטשע האָט גערופן צו גלויבן אין זיך, צו קראַפט און צו העררלעכקייט. דער מאָדערניזם פון די דערמאָנטע שרייבער האָט געריסן און צעפליקט די פערזענ־לעכקייט, איז געווען דורכגעזאַפט מיטן טיפסטן פעסימיזם, מיט אַן עקל צום לעבן. עס איז אינטערעסאַנט דאָ צו נאָטירן אַ מערק־ווירדיקייט, אויף וועלכער איך האָב מיך אין יענער צייט אָפּגעשטעלט. שאָפּענהויער, דער פעסימיסט, באַרואיקט דאָס געמיט; ניטשע, דער אָפּטימיסט, נאָך אַ קורצער שכּרות, וואָס מען פילט, ווירקט דריקנדיק. נאָך שאָפּענהויערן ווערט מען קליגער, זעענדיקער, רואיקער, נאָך ניטשען — אומרואיקער, דורשטיקער, פאַרצי־טערט און צעבראָכן. מיר האָבן דאָ צו טון מיט אַ רעאַקציע, וואָס קומט פאַר אין גייסט. דער מאָדערניזם איז דער אויסדרוק פון דער רעאַקציע.

פאַרשטייט זיך, אַז אויך פּרצן האָט די פּאַליע נישט געמיטן, ער איז אַרונטערגעפאַלן אונטער איר השפּעה, ווי יעדער דע־מאָלט. אָבער דערין צייכנט זיך אויס פאַר אונדז דער מהות פון פּרצן, זיין אינערלעך וועזן, וואָס ער טרייסלט זיך אָפּ פון איר ביי דער ערשטער מעגלעכקייט.

איך האָב אים באַאָבאַכטעט צו יענער צייט, און איך גע־דענק, ווי ער האָט זיך געראַנגלט מיט דער מאָדערניסטישער ווירקונג, ווי איינער, וואָס ראַנגלט זיך מיט פינסטערע גייסטער און ווילדע, פרעמדע פּוחות. אין דער טיפעניש פון זיין נשמה האָט ער נישט געקאָנט סובל זיין דעם הויך פון טויט און צע־לייגונג, וואָס האָט זיך געטראָגן פון יענער ריכטונג. ער איז אינערלעך געווען פרעמד און ווייט דערפון, אָבער דאָס איז דע־

מאָלט געווען דאָס לעצטע וואָרט, דאָס מאָדערנע און דאָס נייע־סטע, און ווי אַזוי האָט ער זיך געקאָנט אָפּזאָגן דערפון? . . .

ווייל פון אַלעם אין דער וועלט האָט פּרץ געקאָנט רעדן און טראַכטן, אַלצדינג מענטשלעכע איז אים נישט געווען פרעמד, אויסער — דער טויט. ער האָט אים אינגאַנצן נישט גורס געווען, פאַרטריבן אים פון באַוווסטזיי, ער איז לאַנגע יאָרן געווען אין דער וואַרשעווער יידישער גמינע דער באַאַמטער, וואָס האָט גע־האַט צו טון מיט מתים, און איך בין מסופק, צי ער האָט אין זיין לעבן געזען אַמאָל אַ מת.

ער איז כמעט קיינמאָל נישט באַגלייטן קיין לויה, אויסגעמיטן דאָס בעט פון אַ שווער־קראַנקן און נישט גערעדט פון אַ טויטן. איך ווייס פון פאַלן, ווען נאָענטסטע און ליבסטע זענען אים אָפּגעשטאָרבן אין די בליענדיקסטע יאָרן און האָבן מיטגעטראָגן מיט זיך אין קבר אַריין זיין טיפסטע האַרציקסטע ליבשאַפט, און ער האָט עקשנותדיק אויסגעמיטן וועגן זיי צו דער־מאָנען. ער האָט פיינט געהאַט דעם טויט און האָט פיינט געהאַט די געבויגענע עלטער, וואָס שמעקט מיט קברים־בלימלעך. פּשוט פיינט געהאַט און דערווייטערט פון זיך אַלץ, וואָס האָט אַ שייכות צו די דאָזיקע מיאוסע ענינים.

אָבער די פאַליע איז געווען צו שטאַרק. זי האָט צוגענו־מען פון אַלע זייטן. דער דור איז פול געווען מיט איר. פּרצן האָט זי אַ יאָר, צי צוויי געהעמט אין זיין שאַפן. דאָס איז געווען די צייט פון נאָך זיין אַרעסט ביז צום דערשיינען פון „יוד" און „הדור".

אין פּרצס טיפענישן איז געלעגן דאָס זינגענדיקע און שטראַלענדיקע, וואָס האָט געדאַ־פט גאָר אַן אַנדערע אַטמאָספערע. ער האָט, אַזוי ווי זיין רבי אין „דער גאָלדענער קייט" בשום אופן נישט געוואָלט אַריינלאָזן דעם וואָכנטאָג צו זיך אין דער נשמה. ביי דער ערשטער געלעגנהייט האָט ער זיך טאַקע אָפּ־געטרייסלט דערפון.

עפּעס אַ ברונעטער יונגערמאַן, געקומען פון ליטע, וואָס האָט גערעדט רוסיש, ווי אַן אמתער רוס, האָט זיך דעמאָלט גע־

דרייט אַרום פּרצן און האָט זיך יעדן שבת געפונען, צוזאַמען
מיט אַלע, אין זיין װאױנונג אויף צעגלאַנע-גאַס. דער דאָזיקער
יונגערמאַן האָט מיטגעבראַכט מיט זיך דאָס ערשטע בּיכל נאָוועלן
פון מאַקסים גאָרקי. איך האָב נאָך אין מיין לעבן נישט געזען אַ
גרעסערע אַנטציקונג, אַ גרעסער גייסטיק נחת, ווי דעם, וואָס
פּרץ האָט געהאַט פון דעם בּיכל. די אויגן האָבן אים געשיינט,
בשעת ער האָט גערעדט דערפון. די אַנטציקונג און ליבשאַפט
האָט זיך אַזש איבערגעטראָגן אויף דעם יונגענמאַן, וואָס האָט זיך,
איבעריקנס, מיט קיין שום זאַך נישט אויסגעצייכנט.

מאַקסים גאָרקיס נאָוועלן זענען דעמאָ"ט פון דער גאַנצער
אינטעליגענץ אויפגעכאַפּט געוואָרן אַלס אַ צוריקגאַנג צו אַ גע-
זונטן קרעפטיקן אָפּטימיזם, אַלס אַ רוף צום לעבן. פּרץ האָט
אָפּטמאָל ליב געהאַט צו וואַרפן אַ טראַציק סאַרקאַסטיש וואָרט
קעגן דער רוסישער ליטעראַטור, אַזוי זיך אַלס צום „רוסישן באַר-
באַריזם". ער האָט דאָך געלעבט אין אַ פּויליש-יידישער אַטמאָ-
ספערע. אָבער דאָס קליינע בּיכל איז געקומען אַזוי צו דער צייט,
האָט ווי באַפרייט אים פון אַ שווערן קאָשמאַר.

ד"ר עליאַשעוו (בעל-מחשבות) האָט זיך דעמאָלט אויך געפו-
נען אַרום פּרצן. ער איז געקומען פון בערלין מער באַאיינפלוסט
פון דעם מאָדערניזם, אַליין פּרעזענלעך, לויט זיין שטימונג און
סטיל, שטאַרק מאָדערניזירט, דערצו נאָך אַן אַנאַליטישער גייסט בּטבע,
ער איז געווען אין דעם קרייזל די לעבעדיקע פאַרקערפּערונג
פון דעם מאָדערניזם. וואָס האָט פּרצן אי צוגעצויגן אי גע-
שראָקן מיט דעם אומהיימלעכן און פרעמדן, וואָס ער האָט דע-
רין געפילט.

מיט גאָרקיס נאָוועלן האָט ער זיך גערייצט, ער האָט גע-
טראָצט מיט זיי, ווי אַ פּראָמעטעאוס, וואָס איז באַפרייט געוואָרן
פון זיינע קייטן.

איך דערמאָן מיך אַן אינצידענט מיט ד"ר עליאַשעוון און,
דאַכט זיך, מיט מיר אַליין אויך, ווען ער האָט אונז צוגעוואָרפן
קאַלטע האַרבע ווערטער. ווער האָט דעמאָלט געקאָנט פאַרשטיין,

פון וואַנען זיי שטאַמען, פון וואַנען עס נעמט זיך דער סאַפּריז פון דיכטער?

איצט ווען איך זע דאָס פון דער פּערספּעקטיוו פון אַ צוויי צענדליק יאָרן, איז עס אַזוי קלאָר און פאַרשטענדלעך. פּרץ איז אַ יאָר צוויי געשטאַנען אונטער דעם צייכן פון עפּעס אַ שווער געמיט, פון אַ דריקנדיקער וועלט-אַנשויאונג, וואָס איז אים געווען ווילד-פרעמד, וואָס ער האָט נישט געקאָנט אויפנעמען און אַסימי-לירן אין זיך. ער האָט עס נישט געקאָנט אַוועקשאַרן מיט דעם אַלטן ברייטן ביטול פון משכּיליש-אפּיקורסישן סטיל, ער האָט עס אָבער אויך אינערלעך נישט געקענט פאַרטראָגן. גאָרקי איז געווען זיין טריאומף, זיין נצחון. און פּונקט אַזוי ווי ער האָט פּלוצלינג ליב באַקומען דעם יונגענמאַן מיט די שוואַרצע האָר און אויגן און געהאַלטן, ים פאַר דעם לעצטן מוסטער פון בילדונג און אינטעליגענץ, אַזוי האָט ער איבערגעטראָגן די פרעמדקייט צום מאָדערניזם אויך אויף פּרז[נ]נען.

אַזוי פירן זיך קינדער, אַזוי פירן זיך פרויען און אַזוי פירן זיך דיכטער.

ד.

פּרץ מעשהלע און חסידיזם.

פּרץ פלעגט ליב האָבן צו דערציילן אַ מעשהלע, דאַכט זיך, פון טויזנט און איין נאַכט גענומען, אָבער ער פלעגט עס באַפּוצן און באַרייכערן מיט אייגענע פאַרבן און בילדער, און שטענדיק ווען ער האָט עס דערציילט, איז געווען אַ סימן, אַז ער איז אין אַ געהויבענער שטימונג.

אַ פאַרכישופטער בן-מלך וואוינט אין אַ שלאָס פול מיט אַלע אוצרות און פּראַכט פון גאָר דער וועלט, אָבער מרה-שחורהדיק איז ער און פאַרבענקט צו עפּעס אַנדערש, וואָס ער אַליין ווייסט נישט, וואָס דאָס איז. אַ קליינע צוים טיילט נאָר אָפּ דעם בן-מלך פון אַ וואונדער שיינעם פּאַרק, וואו עס וואַקסן די שענסטע פּאַל-

מען, די שטאַרקסטע צעדערן צוזאַמען, די הערלעכסטע רויזן און שניי-ווייסע ליליען. אָבער אַן אָנזאָג האָט דער בן-מלך אַ האַרבן און אַ פעסטן, ער זאָל נישט איבערטרעטן די צוים, ווייל ער וועט שלעכט ענדיקן. היט מען דעם בן-מלך פון אַלע זייטן, מען היט אים בייטאָג און מען באַוואַכט אים ביינאַכט, עס זאָל, חלילה, נישט געשען דאָס אומגליק. אָבער די בענקשאַפט איז שטאַרק, און דער בן-מלך קאָן זי נישט גובר זיין. איינמאָל, פאַרטאָג, די וועכטערס האָבן איינגעדרימלט, גנבעט ער זיך אַרויס פון שלאָס און לאָזט זיך גיין אין פאַרק אַריין.

און די וואונדער און די שיינקייטן פון דער וועלט עפענען זיך פאַר זיינע אויגן. די שענסטע בלומען, די הערלעכסטע חיהלעך, אַלץ איז אַזוי פאַרביק, אַזוי מילד, אַזוי ליבלעך, אַלץ לכט און לאַקט און רופט צו זיך; יעדע בלום וויל געפליקט זיין פון זיינע הענט, יעדעס חיהלע בעט זיך שטום: נעם מיך, גלעט מיין ווייכע סאַמעטענע פעל. גייט ער צו און פליקט אָפּ די ערשטע בלום, אָבער ווי נאָר ער עפנט די האַנט, זעט ער, אַז ער האָט גאָר אַ שטיק קלעביקע בלאָטע, און ער וואַרפט עס מיט עקל אַוועק. ער פּרוּווט לאָקן צו זיך אַ חיהלע, און ווי נאָר עס געפינט זיך אין זיינע הענט, ווערט דערפון אַ שטיק מיאוסקייט, אַן עקלהאַפטע קליין קריכנדיק באַשעפענישל. ער גייט ווייטער, ווידער ווינקט צו אים אַ בלום, לאַשטשעט זיך אַ חיהלע, ער האָט שוין מורא צו פליקן די בלום, צו גלעטן דאָס חיהלע, אָבער זיין האַרץ גייט אויס פון בענקשאַפט. ער פליקט די בלום, און ווידער האָט ער בלאָטע אין דער האַנט, ער רירט זיך צו צום חיהלע, ווידער האָט ער אָנגערירט אַ שרץ. און אַט גייט ער ווידער אַוועק, זיין צוריקגעהאַלטנקייט ווערט גרעסער, ער איז שוין פיל מאָל אָנגעלערנט, אָבער די בענקשאַפט ווערט נאָך שטאַרקער, און אַזוי צאַפּלט זיין נשמה צווישן באַגער, מורא און עקל, פּלוצלינג דאַכט זיך אים, אַ שווערקייט איז באַפאַלן זיינע יונגע פיס... דעמאָלט קומט אַרויס אַ קאַרליק פון אַ הייל. טראָגט אים צו צום פנים אַ שפּיגעלע, און ער דערזעט דאָרט — אַן אַלטן, געבראָכענעם, גרייז-גרויען מענטש. דאָס איז ער אַליין.

אין דעם דאָזיקן ראַנגלען זיך מיט באַגער, בענקשאַפט און עקל איז זיין לעבן דורכגעגאַנגען.

פרץ פלעגט דאָס מעשהלע דערציילן אַלס לעצטן ענטפער אויף אַלע מעגלעכע קשיות, אַלס דאָס וואָרט פון דער לעצטער קלוגשאַפט. און שטענדיק איז עס געווען דעמאָלט, ווען ער איז געווען אין ברען, ווען די אויגן האָבן ביי אים אי געבליצט אי געשמייכלט. איך האָב עס פיל, פיל מאָל פון אים געהערט, און שטענדיק האָב איך דערביי געהאַט דעם איינדרוק, אַז ער לייענט זיין אני-מאמין.

דאָס געפליקטע, דערגרייכטע, געפילטע איז בלאָטע, עקל, שיין און רייצנדיק איז נאָר די בענקשאַפט.

זיין אייגענע שוואַכקייט, וואָס ער פלעגט זיך אַזוי אָפט איבערוואַרפן פון סטיל צו סטיל, נישט געהאַט אַן אייגענעם אויסגעטרעטענעם וועג, אַזוי ווי מענדעלע, אַזוי ווי שלום-עליכם, וואָס האָבן נאָך יאָרן פון זוכן, ענדלעך, דאָך געפונען זייער אייגענעם נוסח — די דאָזיקע שוואַכקייט פלעגט ער מיט דעם מעשהלע פאַרענטפערן. אין דעם דאָזיקן מעשהלע איז שוין געלעגן די אפיקורסות צו אַלערליי אַרטן פון גלויבנס און פראָגראַמען. אַלץ איז אילוזאָריש, האָט אַ ווערט, ווי לאַנג מען רירט זיך נישט צו דערצו, אַלץ איינס, צי דאָס איז אַ געליבטע, וואָס איז איינמאָל געקושט געוואָרן, אַן אידעע, וואָס האָט אַמאָל באַגייסטערט, אַ פאָרם, וואָס איז איינמאָל אויסגענוצט געוואָרן.

אָבער דאָס מעשהלע איז דערציילט געוואָרן נאָר, ווען פרץ האָט זיך געפילט געהויבן און שטאַרק, ווען עפּעס אין לעבן איז אים געלונגען, באַזונדערס נאָך אַ געלונגענער זאַך, וואָס איז אַרויס פון זיין פעדער, ווען ער האָט געוווּנען די אינעווייניקסטע זיכערקייט. אָבער באַהאַלטן פון אַלע און פון אייגענעם באַוווּסטזיין, אין די טיפעניש פון זיין נשמה האָט דאָך געלעבט דער דראַנג צו געפינען זיך אַליין, די נישט צופרידנקייט. ווער עס האָט געקאָנט אַרויסלייענען דעם סוד פון עפּעס אַן אומעט, אַ נישט-היימלעכן, וואָס האָט אַזוי אָפט זיך אָפּגעשפּיגלט אין זיינע אויגן, דער האָט דאָס געקאָנט פאַרשטיין. און ווי האָט עס דען געקאָנט אַנ-

דערש זיין? דאָס זעלבע געזעץ, וואָס טרייבט דעם עפּלבוים „ליב צו האָבן" נאָר עפּל און צו פרוכפערן נאָר עפּל, דאָס זעלבע געזעץ טרייבט דעם קינסטלער צו געפינען זיין איך, זיין פערזענלעכקייט, זיין סטיל, טראָץ דעם, וואָס פרץ פלעגט אַזוי אָפט אויסלאַכן דאָס גיין אויף אַן אויסגעטרעטענעם וועג, טראָץ דעם, וואָס ער פלעגט עס באַפאַלן מיטן ביטערסטן סאַרקאַזם אַלס איינזייטיקייט, ענגהאַרצ קייט. האָט ער דאָך, אַליין דאָס נישט צו וויסן, געזוכט זיין אייגענע איינזייטיקייט, געבענקט דערנאָך, געשטרעבט דערצו.

עס איז אָבער באַשערט געווען אַזוי, אַז זיין איך, זיין, קינסטלערישע אינדיווידואַליטעט, האָבן אַנדערע געפונען אין אים איידער ער האָט עס אַליין באַמערקט. דער העכסטער אויסדרוק פון זיין אייגנאַרטיקן סטיל. פון זיין אָריגינאַליטעט אַנטפּלעקט זיך אין צוויי קורצע נאָוועלן: איינע געשריבן אָריגינעל אויף העברעיש אונטערן טיטל „משנת חסידים" (אין „החץ"), די צווייטע „מקובלים", געשריבן אָריגינעל יידיש און געדרוקט אין די „יום-טוב-בלעטלעך". ווי עכטע קונסט-ווערק פון ערשטן גראַד, איז אַלץ דאָרט אַזוי ניי אַזש ביז פרעמדקייט, די פאָרם און אינהאַלט, די מענטשן און די באַציאונג צו זיי. און ווי אַלץ, וואָס איז ניי-געשאַפן, וואָס פאַרקניפּט זיך כלל נישט מיט דעם שאַבלאָן און געוואוינהייט, זענען די נאָוועלן פון קיינעם נישט באַזונדער באַמערקט געוואָרן, אפילו נישט פון דיכטער אַליין. וועלכע פרצס זאַכן האָבן מיר, זיינע פאַרערער, אין פרצס הויז נישט אָרומגערעדט? פון „מאָניש" ביז צום לעצטן פעליעטאָן אין די „בלעטלעך" קעגן די חובבי ציון. פון די „מקובלים" און „משנת חסידים" געדענק איך נישט, אַז מען זאָל די ערשטע יאָרן האָבן גערעדט. פרץ אַליין האָט די זאַכן קיינמאָל נישט דערמאָנט.

די באַווערטונג פון די זאַכן קומט צוליב אַן איינפלוס פון אויסן. ווידער האָט אַ ווינטל געבלאָזן פון אויסלאַנד.

אַ קרייזל יידישע סטודענטן אין בערלין, צווישן וועלכע עס האָט זיך געפונען מיכה יוסף בערדיטשעווסקי, האָבן זיך אָנגע-

נומען מיט די ניטשעאַנישע און מאָדערניסטישע אידעען פון יענער צייט. אַלס אינדיווידואַליסטן האָבן זיי זיך שטאַרק אונטערגעשיידט פון יענעם טייל יידישער יוגנט, וואָס זענען געווען באַהערשט פון דער סאָציאַליסטישער אידעאָלאָגיע. בערדיטשעווסקי, אַ טיפּזיניקער און אָריגינעלער קאָפּ, איז געווען דער פירער פון דער גרופּע. ער האָט געמאַכט די ערשטע פּראָבע איבערצוטראָגן די נייע אידעען אויף דער יידישער גאַס, בעסער געזאָגט, אויף דער יידישער געדאַנקען-וועלט. ער האָט דערקלערט מלחמה אחד-העמען מיט זיין טרוקענעם ראַציאָנאַליזם און מיט רוחניות און מוסר, וואָס זאָלן זיין דער אינהאַלט פון יידישן גייסט. מיט דעם זעלבן וועג איז ער געקומען צו זיין אַ מליץ יושר אויף די חסידים מיט זייער אינדיווידואַליזם און פאַרטיפונג פון איך, אַלס אַ קעגנזאַץ צום טרוקענעם תּלמודיזם. די דאָזיקע גרופּע האָט אויף אייגענע קאָסטן אַרויסגעגעבן בערדיטשעווסקיס העברעישע בראָשורן „שנויערכין” און די איבעריקע. אויף וועלכע קיין פאַרלאַג און קיין צייטשריפט איז נישט געווען קיין בעלן.

צו וואָס בערדיטשעווסקי איז געקומען אויפן וועג פון דענקען, דאָס איז פּרצן, ווי אַ נבואה, שוין לאַנג אַנטפּלעקט געוואָרן. בערדיטשעווסקיס קאַמף-אויסרוף, זיין הייסע אַפּאָלאָגיע פון חסידיזם האָט דערגרייכט קיין וואַרשע. אין פּרצס ליטעראַרישן קרייזל איז מען אויפמערקזאַם געוואָרן אויף בערדיטשעווסקין און בינו-לבינו האָט מען אַנטדעקט דעם אוצר, וואָס איז אייגנטלעך שוין לאַנג געלעגן אָפן: אַן אמתע חסידישע דיכטונג, פאַרטיק און גרייט צום געניס.

דאָס האָט אויך געהאַט אַ ווירקונג אויף פּרצן, וואָס ער האָט דערנאָך גענומען מיט מער אויסגעהאַלטנקייט, ניט דעם פולן באַוואוסטזיין, אַזוי צו זאָגן, „במחשבה תּחילה” צו באַאַרבעטן דאָס געביט פון חסידות.

צי די שאַפונגען מיטן פולן באַוואוסטזיין האָבן איבערגעשטיגן יענע ערשטע, וואָס זענען ווי בליצן אַרויס פון זיין נאָך פאַרנעפּלטער נשמה — דאָס איז שוין אַן אַנדערע פראַגע.

פרצן הויבט אָבער אָן אויף יעדן פאַל צו ציען צום איי־גענעם וועג, צו זיין סטיל און צו זיין שורש.

ה.

פאָלקס־לידער

די ערשטע זאמלונג פון פאָלקס־לידער האָבן פאַרגענומען מיט אַ וויסנשאַפטלעכן צוועק מארעק און גינזבורג אין פעטער־בורג. נאָר נאָך איידער דאָס בוך איז אַרויס, פלעגן שוין פאָלקס־לידער געזונגען ווערן ביי פרצן אין שטוב יעדן שבת. צווישן דעם קרייזל, וואָס פלעגט זיך דאָ פאַרזאַמלען, איז געווען ה' כהן, אַ זייגער־מאַכער לויט זיין פראָפעסיע, וואָס איז געווען אמת פאַר־ליבט אין די לידער. ער האָט זיי געשעפּט פון די ערשטע קוועלן, אין די וואַרשעווער „קנייפּעס", אין אַלע ערטער, וואו יונגען און מיידן פלעגן זיך צוזאַמענקומען צו טאַנצן און צו זינגען. דער ה' כהן איז דער בעסטער קענער פון די יידישע פאָלקס לידער. אין זיין זאַמלונג, וואָס איז דערשינען אין ניו־יאָרק, איז, לויט מיין מיינונג, דאָס שענסטע און בעסטע אויף דעם געביט. אָן וויסנ־שאַפטלעכע פרעטענזיעס, אָבער מיט זייער פיל געשמאַק און פאַר־שטענדעניש און מיט געניג פאַך־קענטנישן, וואָס ער האָט זיך מיט מי און פלייס דערוואָרבן, איז ער צוגעגאַנגען צו זיין אויפגאַבע. ער איז געווען שטענדיק אימשטאַנד איבערצוגעבן די באַזונדערע רייצן פון יעדן לידל, די פיינסטע ניואַנסן פון די האַרציקע איינ־פאַכע מעלאָדיעס.

אויף פרצן און אויף זיין קרייז האָבן די לידלעך געווירקט, ווי אַ נבואה, ווי אָן אַנטפּלעקונג. מיר האָבן אַלע געהאַט דעם איינדרוק, אַז אַ פרישער קוואַל, אַ לעבעדיקער און אַ שפּראָדלדי־קער, האָט זיך געעפנט. נישט נאָר, וואָס די לידלעך האָבן אַנטציקט מיט זייער נישט־געקינסטלטער פּאָעזיע, מיט זייער אינעווייניקסטער וואָרהייט, מיט זייער טיפער האַרציקייט, זיי האָבן נאָך געוועקט און גערופן צו אַ וועלט, וואָס איז געווען אינגאַנצן אומבאַקאַנט

דעם יידישן אינטעליגענט, סיי דעם אַלטן, אין דער פאָרם פון אַ
בן־תורה, סיי דעם נייעם, אין דער פאָרם פון משכיל און געביל־
דעטן. אַט לעבט אַ פאָלק און זינגט! זינגט פון ליבע, פון בענק־
שאַפט, פון פרייד און צער! אַ פאָלק, וואָס ווייסט גאָרנישט צו
זאָגן פון די אַלע קרומענישן און ווייענישן און האָר־שפּאַלטענישן
פון אונזער טראַדיציאָנעלער און מאָדערנער אינטעליגענץ! די
ווייטערע רעוואָלוציע פון געדאַנקען און אָנשויאונגען, וואָס די
אַנטפּלעקונג האָט אַרויסגערופן, קאָן זיך דער לעזער אַליין אויס־
מאָלן, און ער וועט זיך דערמאָנען, ווי ווייט ביי אונז איז פאַר־
שפּרייט געווען (און צי נאָר ג ע װ ע ן?) די איבערצייגונג, אַז
יידן זענען פון איין זייט אַן „עם סגולה", אַן אויסדערוויילט פאָלק,
וואָס איז לויטער גייסט, און פון דער אַנדערער זייט איז עס פאַר־
קרימט, אָן אַ חוש פאַר נאַטור, פאַר איינפאַכקייט, פאַר ליבע, שיינ־
קייט און פּאָעזיע.

דאָס איז אַ ליגן! — האָט זיך אַן אינעווייניקסטער פּראָטעסט
געריסן אַנטקעגן דער אָנגענומענער מיינונג. דאָס איז א י י ע ר
קרומקייט, א י י ע ר נישט־נאַטירלעכקייט, אייערע — די בני־תורהס
און אינטעליגענטנס — וואָס איר טראָגט איבער אויפן פאָלק דאָס
פאָלק באַשטייט פון נאַטירלעכע געזונטע מענטשן. איר האָט פאַר
דעם פאָלק גערעדט, און דעריבער איז עס אַרויסגעקומען אַזאַ פאַר־
זעעניש. דאָס פאָלק איז שטום געווען. לאָזט עס נאָר קומען צום
וואָרט, לאָזט עס רעדן פאַר זיך אַליין, און איר וועט דערהערן
נישט די שטים פון פרינץ און נישט די שטים פון הונט (אין היי־
נעס באַקאַנטן געדיכט), נאָר פון אַ מענטש!...

דערווייל אָבער האָבן די לידער געווירקט ריין־עסטעטיש.
אַ האַלבע צייט פון די שבתדיקע צוזאַמענקומענישן ביי פּרצן האָט
מען פאַרבראַכט אין זינגען די פאָלקס־לידער, אין אַ מאָדנער גע־
הויבענער שטימונג. אָרגיעס פון פּאָעטישער אַנטציקונג זענען דאָס
געווען, פון יענע איבערלעבענישן, אין וועלכע דער גייסט ווערט
פאָרמירט אַזוי ווי מעטאַל אין אַ פלאַם. אויך פּרצן האָבן די איבער־
לעבענישן געבראַכט נענטער צו זיין איך און צו זיין שורש.
די פּרוכטן פון די איבערלעבענישן זענען צייטיק געוואָרן ערשט

שפּעטער — אין די „פאָלקסטימלעכע געשיכטן", ווו דער איבער־קלוגער, געשפּיצטער פּרץ, דער זוכער פון נייע וועגן, דער אָנ־הענגער פון אַ פּאַרוואָקלטן סטיל מיט אָנצוהערענישן, איז צוריק־געקומען צום פּשוטן און האַרציקן און דאָך — אַזוי אינדיווידועלן, אַזוי כאַראַקטעריסטישן פאַר פּרצן.

דער סוד פון אַן אייגענעם סטיל (וואָס פּרץ האָט דערגרייכט אין די „פאָלקסטימלעכע געשיכטן") ליגט שטענדיק ביים קינסטלער אין דעם פּראָצעס, וואָס פאַרייניקט אין אים די פאַרשידענע עלע־מענטן פון זיין גייסט, די, מיט וועלכע ער איז געקומען אויף דער וועלט, און די, וואָס זענען אַ פּראָדוקט פון זיין לעבן און אומ־געבונג. דאָס איז אַ פּראָצעס פון אָרגאַנישן איבעראַרבעטן די פאַר־שידענע עלעמענטן אויף אַ נייעם שטאָף, וואָס איז אָריגינעל, ווייל דעם קינסטלערס נשמה איז זיין לאַבאָראַטאָריע, און וואָס איז אינדיווידועל, ווייל ער איז איין־איינציק אין דער וועלט פון דערשיינונגען.

פון דער צייט, וואָס די פאָלקס־לידער האָבן געהאַט אַזאַ אַנטשיידנדיקע ווירקונג אויף פּרצן, ביז צו די „פאָלקסטימלעכע געשיכטן", ליגט אַ שטיק צייט, היפּשע עטלעכע יאָר. די צייט איז פול מיט פאַרשידענע פאַרזוכן, וואָס פּרץ האָט געמאַכט אויף דעם געביט פון דער דראַמע, מיט איינפלוסן פון וויספּיאַנסקין, און אַנ־דערע פּראָבן, וואָס האָבן זיך מער אָדער ווייניקער איינגע־געבן.

איך היפּער איבער די צייט טיילווייז, ווייל איך האָב זי נישט מיטגעלעבט, זייענדיק אָפּט ווייט פון וואַרשע, טיילווייז, ווייל איך רעכן נישט, אַז זיי שפּילן אַ וויכטיקע ראָלע אין פּרצס אינעווייניקסטן וואוקס.

אין די „פאָלקסטימלעכע געשיכטן" זענען פאַרייניקט די צוויי הויפּט־מאָמענטן פון פּרצס שאַפן: דער חסידישער ברען, וואָס איז אין אים געווען פון דער נאַטור, און דער צוריקגאַנג צום פאָלק, דער דראַנג צו האַרציקייט און נישט־געקינסטלטקייט, וואָס איז רעאַליזירט געוואָרן ערשט נאָך לאַנגע זוכן און בלאָנדזשען אויף אייגענע און פרעמדע וועגן און שטעגן.

ווען אַש האָט זיך באַוויזן, דערנאָך ווייסנבערג, די אמתע פאַרטרעטער פון דער פאָלקס־נשמה, וואָס מיט זייער מויל רעדט דאָס פאָלק אַליין, האָבן אַלע געפילט, ווי די בשורה, וואָס די פאָלקס־לידער האָבן אָנגעזאָגט, ווערט מקוים. דאָס פאָלק איז גע־וואָרן ריידעוודיק און מינדיק.

דעמאָלט איז געקומען אויך די צייט, וואָס דער, וואָס האָט מיט זיך געטראָגן דאָס שענסטע און פראַקטיקסטע פון לאַנגע דורות תלמיד־חכמישער גייסטיקייט, דעם קווינט־עסענץ פון אַ דור־השכלה, האָט אויך דערקוויקט זיין גייסט מיט דעם פרישן וואַסער פון אַ ניי־אַנטדעקטן קוואַל, האָט זיך אַליין געפונען און זיין שענסט ליד געזונגען.

פערצס טויט.

י. ל. פרץ איז טויט... פלוצלינג, אומגעריכטערהייט איז ער פארשוואונדן, אזוי ווי עס ווערט פארלאשן פלוצלינג א מעטעאר. דער טויט פון דעם וואונדערבארן מענטש און גרויסן דיכטער איז אזוי ענלעך אויף זיין לעבן און שאפן.

די וואכעדיקייט און גראקייט זענען געווען די גרעסטע שונאים פון פרצן. ער האט זיי נישט געקאנט פארטראגן נישט אין זיין שאפן, נישט אין פריוואטן לעבן, נישט אפילו (וואו, ליי־דער, זיי זענען אומפארמיידלעך) אין דער פאליטיק, און דער טויט זיינער האט נישט געקאנט זיין קיין גראער און וואכעדי־קער. פרץ, אן אפגעשוואכטער פון דער עלטער, פרץ אויפן קראנקן־בעט, פרץ, וואס זאל אפשטארבן מיט א געוויינלעכן „קץ כל בשר“ — דאס וואלט געווען א דיסאנאנס און אן אומזין.

פרץ איז געשטארבן אין א וואונדערבארער העלקייט פון גייסט, אין די פרימארגן־שטונדן, ווען ער האט אזוי ליב געהאט זיין באקוועמען ארבעטס־טיש און זיין שאפערישע ארבעט, אין מיטן א געזאנג. ווען די ערשטע שטראלן פון דער פרילינג־זון האבן זיך אריינגעשלאגן אין זיין ארבעטס־צימער:

שטילער, שטילער,

דאנקען וויל ער,

ער האט זיך א רגע אויפגעהויבן פון בענקל און איז.. געפאלן טויט, פון א הארץ־שלאג.

דאס ליד איז נישט דע־זונגען.

זיינע לעצטע מחשבות זענען געווען פאר יידישע קינדער. ער האט די לעצטע צייט געארבעט איבער א זאמלונג פון לידער און מעשיות פאר אונזער קליינוואַרג, און אזוי ווי שטענדיק, ווען

א בייע אידעע האָט אים באַגייסטערט (און ווען איז פּרץ נישט געווען באַגייסטערט !), איז ער ביי איר יינגער און פרישער געוואָרן מיט אַ גאַנצן דור. ערשט פּאַר עטלעכע טעג האָב איך אים געהערט פאַרלייענען די דאָזיקע קליינע לידלעך, צווישן וועלכע עס געפינען זיך אמתע קונסט-פּערל. קליינע, געטאָקטע מייסטער-ווערק, — ווי לעבעדיק זיינע אויגן האָבן דערביי געפינקלט, ווי קינדיש דער גרויסער און באַיאָרטער פּרץ איז דערביי געווען !

ווער עס האָט י. ל. פּרצן נישט געזען אין אַזוינע מאָמענטן, דער האָט קיין דיכטער נישט געזען אין זיין אמתן רייך און גלאַנץ. ווער עס האָט פּרצן אין אַזוינע מאָמענטן נישט איניק ליב געקריגן, דער ווייסט נישט, וואָס עס הייסט ליב האָבן אַ דיכטער.

אַט אַזוי איז ער פון אונז צוועק. מיט ליכטיקע אויגן, מיט אַ זינגענדיקן גייסט, ווען ער האָט פאַר יידישע קינדער געדיכטעט.

זיין טויט איז געווען שיין און גלאַנצפול, אַזוי ווי זיין לעבן און שאַפן.

די לויה פון י. ל. פרץ

„אין שטילן טרויער זיי שטאַרק" — טעלעגראַפירט שלום אַש פון ניו-יאָרק. נאָר מיר האָבן געהאַט אַ שטומען טרויער, ווייל קיין מויל האָט זיך נישט געעפנט אויסצודריקן דעם צער פון דעם 100-טויזנט-קעפּיקן עולם. און קיין קרענץ זענען נישט געווען, און קיין זאַך האָט נישט גערעדט, — מיר זענען געווען שטום.

טויזנטער און צענדליקער טויזנטער זענען געגאַנגען פון פאָרנט דער מיטה און פון הינטן — שטום, אָן ווערטער און אויסדרוק. בלויז אַ שוואַרצע מיטה האָט מען געזען אויף אַקסלען פון מענטשן. טויזנטער האָבן זיך געדריקט און געפּרעסט ביז צום אָפענעם גרוב, וואָס האָט געוואַרט אויפן שוין צוגעשלאָגענעם אָרון. אַ שוואַרצע, געדיכטע, פון דערשטיקעניש אויסגעמאַטערטע, מענגע אַסיסטירט ביי דער שרעקלעך-שרעקלעך פּראָסטער צערע-מאָניע פון אַראָפּלאָזן דעם אָרון, אויף אַלע ביימער האָבן גע-האָנגען מענטשן. — און ווידער זענען מיר אַלע געווען שטום, שטום, שטום...

די מענגע האָט מיך פאַרשטופּט אָן אַ זייט. קיל איז געווען אויפן בית-עולם, דער פאַרנאַכט איז אָנגעקומען, און מיך האָט געשווינדערט פון די שווערע געדאַנקען. איך האָב נישט געקאָנט זען, וואָס עס טוט זיך דאָרט עטלעכע טריט פון מיר. איצט, דאָ, אין עטלעכע מינוט אַרום, וועט פאַרשיט ווערן דאָס קבר, און עס וועט זיין נאָך אַלעם.

שרעקלעך י י ד י ש, שרעקלעך פּאָרמלאָז איז געווען די לויה פון י. ל. פּרץ, גראַנדיעז, אָבער אָן פייערלעכקייט, אָן רע-דעס, אָן בלומען און קרענץ און אויפשריפטן און... אָן אָרדע-

בונג. 100 טויזנט מענטשן זענען געגאנגען נאָך דער לויה, 100 טויזנט טרויערנדיקע.

נאָר אַ מינוט, צי צוויי, איידער די ביז צו שוידערלעכקייט פּראָסטע קבורה איז פֿאַרגעקומען. איז די אונטערגייענדיקע זון אַרויס פון אונטער די וואָלקנס — אַ גרויסע, קיילעכיקע, רויטע, אַזוי ווי אַן אויג, וואָס קוקט איבער אַלע לענדער און דורות, און האָט פֿאַרשפּרייט אַ מאָדנע טרויעריק־האַרציקן אָפּגלאַנץ אַרום.

און דאָס איז געווען דער איינציק־פייערלעכער מאָמענט אין דער טרויעריק־פּראָסטער צערעמאָניע.

אויף דעם טויטן פּנים פון דיכטער זענען די לעצטע שטראַלן נישט געפאַלן, דער ארון איז געווען פֿאַרשלאָגן נאָך אין דער היים.

די זון איז ווידער פֿאַרגאַנגען און ווידער איז געווען קיל און שוידעריק, די מענגע האָט געדרענגט פון איין זייט צום קבר, און פון קבר האָט מען געשטופּט צוריק — „שוין נאָך אַלעם, אַ היים"...

אַך, ווי טרויעריק פּראָסט יידישע לויות זענען!

װעגן פּרצס מצבה

אויף פּרצס קבר איז נאָך ביז הײַנט צו טאָג נישטאָ קײן מצבה.

איך האָב אָבער שטאַרק מורא, אַז נישט דאָס איז דאָס גרעסטע אומגליק. אַ קלײן הילצערן ברעטל מיט דעם נאָמען און טויט-טאָג פון דיכטער איז אין טאָג פון זײַן קבורה אַװעקגעלײגט געװאָרן. זײַן יאָר זענען שױן אַריבער. דער רעגן און די זון האָבן די שװאַרצע אותיות אַ ביסל אָפּגעריבן, אין דאָך, מײן איך, אַז אַט דאָס הילצערנע ברעטל איז אפשר מער צוגעפּאַסט צום אָרט, װי די מצבה, װאָס מען װעט שטעלן.

װײַל װען די מצבה װעט אַװעקגעשטעלט װערן, דעמאָלט ערשט װעט קלאָר װערן פאַר אַלעמען, אַז די מענטשלעכע קלײנקעפּל-דיקײט איז שטאַרקער פאַרן טויט, אַז דאָס ביסעלע נאַרישע גאוה און עקשנות האָט פיל מער צו זאָגן און קאָן פיל מער אויספירן, װי דער שװאונג פון אַ דיכטער.

אַ מצבה װעט דאָס זײַן פאַר אונזער צעריסנקײט, אַ דענק-מאָל פאַר סענטימענטאַלער שטומפּזיניקײט פון פאַרשידענע קלײנ-לעכע װײַכהאַרציקע מענטשן; אָבער נישט קײן מצבה פאַר דעם פרײַען טראַגיקן גײַסט פון י. ל. פּרץ.

עס װעט זײַן אַ מצבה מיט באַװאָרענישן, אַ מצבה מיט פּשטלעך, אַ מצבה, װאָס קײנער װעט נישט קאָנען פאַרשטײן — לויט איר אויסזען און פאָרם, לויט איר אויפשריפט, סײַדן ער װעט מוזן שטודירן „געשיכטע".

די געשיכטע פון דעם, װי אַזױ דער פּלאַץ, באַשטימט צום ערשטן פאַר פּרצס קבר און דענקמאָל, איז פאַרשמעלערט און פאַר-שמעלערט געװאָרן, ביז ס'איז קײן פּלאַץ נישט געבליבן אויף אַװעקצושטעלן מער װי אַ שמאָלע זײַל, קײן שום אײַנדרוקספולע

זאַך, אין ווער שמועסט נאָך אַן אימפּאָזאַנטע זאַך, איז נישט מעג־לעך מער אַוועקצושטעלן; און די געשיכטע דערפון, ווי אַזוי פּלל־טוער און פּאַרטייען האָבן זיך אַרומגעריסן און אַרומגעפּשטלט, וואָס מען זאָל אויפשרייבן אויף דער מצבה, האָבן אָפּגעהאַלטן אָן אַ שיעור זיצונגען, ביז ענדלעך מען איז געקומען צום אויסגלייך — — מען זאָל גאָרנישט אויפשרייבן.

אָט אַזוי ווי איר הערט! אויף פּרצס מצבה טאָר גאָרנישט זיין אויסגעשריבן. בלויז דער נאָמען און די דאַטע פון טויט. קיין איינציק וואָרט נישט מער.

די העברעיסטן און די יידישיסטן זענען געשטאַנען אין אַ פאַרביטערטן קאַמף, און אַ קאָמפּראָמיס איז געווען אוממעגלעך, קיינער האָט נישט געוואָלט נאָכגעבן, לאַנג האָט געדויערט דאָס אַרומרייסעניש אין דעם פּרץ־קאָמיטעט. הונדערטער לאַנגע דרשות זענען געהאַלטן געוואָרן ביי דער געלעגנהייט, און מען האָט גערעדט מיט פייער און מען האָט גערעדט מיט טעמפּעראַמענט, און מען האָט געבלעטערט פון י. ל. פּרץ און אַרויסגעזוכט ציטאַטן (און ציטאַטן פון פּרצן קאָנט איר ברענגען פאַרשידענע און פּונקט קאַפּויער־דיקע). אַ זיצונג נאָך אַ זיצונג איז אַוועק, און די רעדנער־ליסטע איז אַלץ נישט געווען אויסגעשעפּט. . . ביז ס׳איז געקומען דער תּם, דער דריטער זון פון דער הגדה, אַן אומפּאַרטייאישער, און האָט אַריינגעטראָגן אַ פאָרשלאַג. אַזוי! רבותי! לאָמיר שרייבן די מצבה אויף צוויי שפּראַכן, אויף יידיש און אויף העברעיש, הלמאַי האָט פּרץ געשריבן אויף ביידע שפּראַכן. . .

האָט מען אָבער דעם תּם איבערגעקליגלט. האָט איינער געמאַכט אַ שאַכמאַט־צוג און אַריינגעטראָגן אַ פאָרשלאַג צו שרייבן די מצבה אויף דריי שפּראַכן, אויף יידיש, העברעאיש און פּוי־ליש, וואָס ס׳וואָלט אַרויסגעקומען גאָר מאָדנע קאָמיש, האָט מען ווידער אויפסניי געגומען האַלטן דרשות, און אַז מען איז לסוף שוין מיד געוואָרן, איז געבליבן — גאָרנישט.

באמנות · אַ געניאַלער איינפאַל.

בנוגע ווידער דעם פּלאַץ האָט מען זיך נישט אַרומגעריסן; די ווייכהאַרציקע שטומפּזיניקייט האָט דאָ געפירט דאָס רעדל

און געבראַכט צום איצטיקן צושטאַנד, וואָס, איז לײדער, נישט מער אויסצובעסערן.

פּרץ איז אין פאַרלויף פון פיל יאָרן געווען אַ באַאַמטער אין דער וואַרשעווער יידישער גמינע, און ער איז געווען דער אויפזעער און פאַרוואַלטער פון די פּלעצער אויפן בית-הקברות, אָבער ווען ער איז געשטאָרבן, האָט אים די גמינע צוגעטײלט אַן אָרט, וואָס איז אפשר געווען פּאַסיק פאַר אַ געוויינלעכן בכבודיקן מענטש, אָבער נישט פאַר אַ דיכטער און פאָלקס-העלד, ווען מען רעכנט, אַז דער פּלאַץ בלײַבט געהייליקט, און אַז אַ געהעריקער מאָנומענט דאַרף אויף אים אויפגעשטעלט צו ווערן.

דער פּלאַץ איז פון אָנהויב אָן געווען צו ענג. די אַסימי-לאַטאָרישע גמינע האָט אָבער געהאַלטן, אַז זי האָט שוין אַראָפּ-גענומען די האַנט פון האַרץ און האָט שוין פיל געטון דערמיט, וואָס זי האָט פּרצן צוגעטײלט אַן אָרט פאַר אַ רייכן מענטש, שיער נישט פון אַ באַנקיר. אַז פּרץ באַדייט עפּעס מער נאָך ווי אַ באַנקיר, אַז דער גאַנצער ענין איז אײגנטלעך אַ פאָלקס-זאַך — אַזוינע געדאַנקען האָט דער דערמאַנטער פירער פון דער גמינע, ה׳ נאַטאַנזאָן, נישט געקאָנט צולאָזן.

איז געשטאָרבן דינעזאָן... געוויינלעך, אַז עפּעס אַ פּראָווינץ מענטשל, וואָס פאַרקערט זיך שטאַרק אַרום גרויסע נעמען, זאָל זיך אָנרופן: „מען דאַרף אים באַגראָבן נעבן פּרצן“, און קיינער זאָל זיך נישט קעגנשטעלן.

ווער וויל זיך דאָס אַרויסווייזן פאַר אַן אכזר, אַ מענטש אָן אַ האַרץ, און נישט דערלאָזן ערן אַ פאַרדינטן שרייבער, בשעת דער פאַרשטאָרבענער ליגט נאָך אויף דער ערד?

נישט איינער האָט אין טיפן פון זיין האַרץ געפילט, וואָס איצט איז שוין קלאָר פאַר אַלעמען. דינעזאָן איז טאַקע געווען אַ פאַרדינטער שרייבער, ער איז טאַקע געווען דער פריינט פון י. ל. פּרץ, אָבער דאָך דאַרף פּרצס פּלאַץ אָפּגעהיט צו ווערן, ווייל דער פּלאַץ איז נישט מער אַ פאַמיליע-אָנגעלעגנהייט פון ביידע פאַרשטאָרבענע, ווייל פּרץ פאַרנעמט אין אונזער פּסיכאָלאָגיע גאָר אַ באַזונדער אָרט, אַ געהייליקטס, זיין נאָמען און זיין קבר זע-

נען אַ סימבאָל, אַ סימבאָל פון יידישן שאַפן, אַ סימבאָל פון גלויבן אין אַ יידישער וועלטלעכער קולטור. אַ סימבאָל מוז זיין קלאָר, אָפּגעזונדערט, גאַנץ אין זיך, אָן צוגאָבן, אויב נישט, פאַרלירט ער זיין גאַנצע באַדייטונג.

אָבער... פאַרוויינטע פנימער האָבן גערעדט מיט קלאָגעדיקע שטימען, און קיינער האָט נישט געוואַגט צו זאָגן ניין.

שוין דעמאָלט איז קלאָר געווען, אַז וועגן אַן אימפּאָזאַנטן מאָנומענט פון אַ גרויסן קינסטלערישן פאַרנעם קאָן מען מער נישט טראַכטן.

און אין אַ צייט אַרום שטאַרבט אַנ־סקי. אויך אַ פאַרדינטער שרייבער, אויך באַפריינדעט מיט פרצן, און ווידער אַמאָל חזרט זיך איבער די זעלבע געשיכטע. מען מעסט דעם פּלאַץ און מען געפינט אויס, אַז מען קאָן נאָך, ווען אַ ברעט ביי אַ ברעט זאָל אָנרירן, אַריינרוקן אַ קבר. ווידער שטעלן זיך אָן פאַרוויינטע פנימער, און קלאָגעדיקע שטימען זאָגן: באַגראָבן נעבן פרצן. קיינער זאָגט נישט ניין.

און אַזוי איז עס אויסגעקומען, וואָס פרצס קבר איז צוזאַמענגעפּרעסט פון אַלע זייטן, און ווי דער אַרכיטעקט און דער סקולפּטאָר זאָלן זיך נישט קליגלען, זיי וועלן גאָרנישט קאָנען אויפטון.

מער ווי אַ שמאָלינקע מצבה קאָן מען נישט אויפשטעלן, און וואָס העכער זי וועט זיין, אַלץ אומגעלומפּערטער וועט זי אַרויסקוקן.

מיר איז ערשט נישט לאַנג אויסגעקומען, אַלס אַ מיטגליד פון דעם זשורי, וואָס האָט צו באַשטעטיקן דעם מאָדעל פאַר דער מצבה, אָנצוקוקן די אַלע צוגעשיקטע זאַכן. גאַנץ שיינע פּראָיעקטן, אָבער קיין איינציקער טויג נישט, ווייל דער פּלאַץ דערלויבט נישט.

מען וועט זיך מוזן באַנוגענען מיט עפּעס אַן אומגעלומפּערטקייט (אַ ברירה האָט מען!), אַבי עס זאָל זיך לאָזן פּראַקטיש אויספירן.

און אויף דעם גאָרנישט-זאָגנדיקן מאָנומענט וועט גאָרנישט שטיין געשריבן ! דאָס וועט זיין פּרצס מצבה.

א מערכה נאָך, וואָס אין קאָמיטעט איז נישט געזעסן קיין יעווסעקיסט, דעמאָלט וואָלט מען דעם נאָמען אויך נישט גע-קאָנט שרייבן. דער יעווסעקיסט האָלט געפּאָדערט צו שרייבן פּערעץ.

ווער איז שולדיק ?

מילא, די פּאַרוויינטע ווייכהאַרציקייט האָט דאָס איריקע גע-טון, און עס איז פאַרפאַלן. ווען מען זאָל זיי פאָלגן, וואָלט מען געדאַרפט שטעלן איין מצבה פאַר אַלע דריי שרייבער. אָדער, נישט אָנצורירן דעם כבוד פון דינעזאָן און אַנ-סקי. מוז מען דאָך זאָגן, אַז די גאַנצע מצבה האָט דעמאָלט אויפגעהערט צו האָבן די באַדייטונג פון אַ סימבאָל. פּרץ איז פיל מער ווי אַ פּאָרדינטער שרייבער ביי אונז, פּרץ איז אַ פאָלקס-העלד, פּרץ איז אַ נאָמען, וואָס האָט אַ הילכיקן אָפּקלאַנג אין דער נשמה פון יעדן מאָדער-נעם ייד, פּרץ לעבט און וועט לעבן אין דער פּאַנטאַזיע פון פאָלק. און דערויף האָבן מיר געוואָלט זעען אַ געהעריקן מאָנומענט אויף זיין קבר. אַ מצבה פאַר דריי איז אַ פאַמיליע-אָנגעלעגנהייט, און לאָזט אונז אַלע גלייכגילטיק.

אָבער בנוגע דער אויפשריפט — אפשר וואָלט זיך נאָך גע-לאָזט אָפּענדערן דער גזר-דין פון דעם פּרץ-קאָמיטעט.

איך מוז זאָגן דעם אמת, אַז כאָטש מיר, אַלס יידישיסט, וואָלט אפשר ליבער געווען אַ מצבה מיט אַ יידישער אויפשריפט, איז פונדעסטוועגן אַ העברעיִשע אויפשריפט נישט קיין זאַך, וואָס זאָל מיך שאָקירן. אין וואַרשע זעען עד-היום כמעט נאָך נישטאָ קיין מצבות מיט אויפשריפטן אויף יידיש, און פּרץ איז פאַר אונז נישט קיין זאַך פון דעמאָנסטראַציעס. אָבער נישט דאָס איז דער עיקר.

די הויפּט-זאַך איז, וואָס העברעיִש איז פון די געהייליקטע זאַכן. העברעיִש ביי פייערלעכע ענינים, קאָן פאַרנעמען זיין היסטאָ-רישן פּלאַץ. העברעיִש אויף אַ מצבה קלינגט פונקט אַזוי נאַטירלעך ווי העברעיִש ביים דאַווענען. פונקט אַזוי ווי העברעיִש אונטער דער

חופה. פרץ איז אויף יעדנפאַל נישט, געווען קיין העברעיש־פרע־סער, אַז ער זאָל נישט האָבן אָנערקענט די באַדייטונג פון העב־רעיש אין געוויסע ווינקלען פון אונזער לעבן.

עפּעס אַנדערש איז, ווען מען וויל מיט אונזער הייליקייט אויספילן דעם פּלאַץ פון אונזער וואָכעדיקייט, עפּעס אַנדערש איז, ווען מען וויל מיט דער ירושה פון עבר פאַרצוימען דעם וועג פון שאַפנדיקן לעבן, דעמאָלט שטייען מיר אין קאַמף.

אויב ס׳איז אַנדערש נישט מעגלעך, אויב קיין יידישע מצבה קאָן נישט אַוועקגעשטעלט ווערן, וואָלט איך שוין ליבער געווען פאַר אַן איינשפּראַכיקע קורצע העברעישע אויפשריפט, איידער די באַשלאָסענע קאָמישע שטומקייט.

נולד — נפטר.

(וועגן דער אויפשריפט אויף פרצס מצבה.)

יאָ, דאָס איז אַ פאַקט, אַזוי איז דאָס טאַקע: איך זיץ ביי אַ טיש און שרייב אַן אַרטיקל וועגן — — „נולד, נפטר".

ערשט נישט לאַנג האָב איך עס געהאַלטן פאַר אוממעגלעך. אָבער וואַרשע איז אַ שטאָט — אַן אויסנאַם אויף דער גאַנצער וועלט, עס פאַסירן דאָ אַזוינע משונהדיקע זאַכן.

די שטאָט ביתר איז חרוב געוואָרן איבער עפּעס אַ נאַריי־שער קלייניקייט. ווען עס וואָלט זיך נאָר געווענדט אָן אונזערע פּאַרטיי־עקשנים, וואָלט וואַרשע געווען דריי מאָל (מינדסטנס) אין אַ חודש איבערגעדרייט.

צוליב דער מינדסטער קלייניקייט איז מען דאָ גרייט וועלטן איבערצוקערן.

דאָ זענען כסדר אילומינאַציעס און פייער־ווערק — יעדעס מאָל, ווען מען צינדט אָן אַ שוועבעלע.

טעמפּעראַמענט, וועט איר זאָגן, איז דאָס; וואַרשע האָט אַזאַ הייס בלוט, וואָס קאָכט און זידט באַלד אויף.

ניין! דאָס איז די וויסטע נודנעקייט פון ערגעץ אַ פאַר־וואָרפענער פּראָווינץ.

ווייל דאָס איז נישט קיין קאַמף אויף עפּעס אויסצושפּילן, אויף צו דערגרייכן אַ ציל; דאָס איז נישט דער קאַמף וועגן מאַכט איבער מענטשן, דער קאַמף וואָס פאַרשכורט גראָד שטאַרקע נאַ־טורן. דאָס איז — — — איך פאַרשפּאָר עס צו דעפינירן, דאָס איז — נולד־נפטר־קאַמף...

וואָס איז? באשר הער גרינבוים האָט געשטעלט אַן אולטימאַ־טום דווקא נולד־נפטר, האָט דער צווייטער צד געשטעלט אַן אולטי־מאַטום דווקא נישט נולד־נפטר, און אַז צוויי אולטימאַטומס

שטויסן זיך צוזאַמען, גייט די וועלט אונטער? — ניין! די וועלט גייט נישט אונטער, נאָר וואַרשע האָט אַ פייער־ווערק.

צו וואָס ה' גרינבוים איז אַרויסגעריטן אויף די שווערע רייט־הענגן פון פּרינציפּן און דערלאַנגט זיין אולטימאַטום — ווייס איך נישט, פּונקט אַזוי, ווי איך קאָן נישט פאַרשטיין, וואָס די יידישע קולטור־באַוועגונג וועט היזק האָבן, אויב אויף פּרצס קבר וועלן זיך געפינען די צוויי טראַדיציאָנעלע העברעישע ווערטער.

ווען נישט דער אולטימאַטום, וואָלט קיין קעגן־אולטימאַטום נישט געווען, און דער פּראָיעקט פון די אויפשריפטן איז געמאַכט אַ זוי, אַז קיינער פון די צדדים קאָן זיך נישט געפינען באַעולהט.

אַ 18 שורותדיקע יידישע אויפשריפט פון דער „גאָלדענער קייט" איז אַ גאַנץ גענוגנדע קאָמפּענסאַטע פאַר די צוויי אָרעמע העברעישע ווערטער: „נולד — נפטר".

אָבער איין צד האָט געדראָט, האָט געשליידערט זיין שפּיז, און דער צווייטער צד האָט אים אויפגעכאַפּט.

און די מלחמה האָט זיך צעשפּילט איבער דער גאַנצער ליניע.

וואָס איז דאָ צו זאָגן? און וואָס קאָנען העלפן באַווייזן, ראיות און איבעררעדענישן? מיר ווייסן דאָס אַלץ פון אויסנווייניק. פּרץ איז געווען אַזוינער; ניין, פּרץ איז געווען אַן אַנדערער...

מיר ווילן נישט קיין מצבה, מיר ווילן אַ דענקמאָל...

דאָס אַלץ איז זייער גוט און פיין, נישט מער, אויב דער „אַרבעטער־רינג" פון ניו־יאָרק וועט פּרצן ערגעץ (אין זיינע לאָקאַלן) שטעלן אַ דענקמאָל, וועט ער שרייבן בלויז יידיש; אויב דער מאַגיסטראַט פון תל־אביב וועט אפשר וועלן אַמאָל שטעלן אַ דענקמאָל פּרצן, וועט ער שרייבן בלויז העברעיש. דאָ, אין וואַרשע, אויפן יידישן בית־עולם, מוז דאָס זיין צוגלייך אַ מצבה און אַ דענקמאָל, און דער טראַדיציאָנעלער „נולד־נפטר" קאָן נישט פעלן. דאָס איז קלאָר און פאַרשטענדלעך, און איך שטעל מיר נישט פאָר, אַז עמעצער פון די אָנהענגער פון אַ קולטור אויף דער יידישער שפּראַך זאָל זיך קאָנען פילן דערפון באַליידיקט.

ס'איז קלאָר געווען פון אָנהויב אָן, אַז אויב חבר לעש־

צינסקי האָט זיך געזעצט ביי איין טיש מיט ח׳ גרינבוים, איז דאָס אַזוי גוט, ווי מען וואָלט באַלד אויסגערעדט, אַז מען וועט זוכן די פשרה, דעם אויסגלייך, נישט דעם קאַמף.

ווייל דאָס אָרט פון קאַמף איז אויף עפנטלעכע פאַרזאַמלונגען, נישט אין אַ קאָמיטעט פון עטלעכע מענטשן.

וואָס האָט דאָס פאַר אַ זין צווישן עטלעכע מענטשן היימישע (און נאָך דערצו דורכגעטריבענע און דורכגעריבענע אין פּאָליטישן קאַמף) זיך אָנצוגאַרטלען אין שווערן פּאַנצער און שיסן פיילן? און וואו איז די לאָגיק, אַז באַשר איינעם האָט זיך פאַרגלוסט צו דאָנקישאָטעווען, זאָל זיך דער צווייטער צד באַלד אַליין כאַפּן צום פּאַנצער, שפּיז און פיילנבויגן?

דאָס איז אַן ענין פאַר גאָמבין (אַ שטעטל, באַרימט מיט זיינע מחלוקתן וועגן רב און וועגן „למען תזכרו״), 5 ביינאַכט זינקט נעבעך, דאָס שטעטל אין פינסטערניש און לאַנגווײַליקייט און עס וואָלט געמוזט אַרויסלאָזן איין גרויסן געגעץ, ווען נישט די מחלוקת.

אָבער וואַרשע, אונזער וואַרשע, דער כּרך, די וועלט-שטאָט, און — אַ קאַמף איבער דער גאַנצער ליניע וועגן גולד — נפטר!

* * *

נו, וועט מען מיך שעלטן מיט פּרינציפּלאָזיקייט. אָט אַזוינע רייד קאָן רעדן נאָר אַזאַ פּרינציפּלאָזער מענטש, ווי איך בין.

אפשר איז דאָס וואָר. איך האָב נישט ליב קיין פּרינציפּן צוליב זייער פּרינציפּיאַלישקייט, אָבער איך האָב ליב דאָס לעבן, און דאָס לעבן וואָלט איך געוואָלט זען שענער, יידישלעך, געבויט אויף דעם פּרינציפּ (הערט!) פון אַ יידישער קולטור.

און נאָך ווייס איך, אַז די אַלע, וואָס ווילן זייערע פּרינציפּן זען פאַרווירקלעכט אין לעבן, טוען נישט עפּעס אַנדערש, ווי איר. למשל: די שול-טוער מוזן מאַכן קאָנצעסיעס דער העברעישער שפּראַך און — האָרכט מיין נבואה! זיי וועלן נאָך דער רעליגיע

מאכן קאָנצעסיעס, ווייל איך גלויב אין זייער ליבע צום יידישן קינד...

צי איז גראָד פרצס קבר דאָס אָרט, וואו מ'זאָל זיך אַוועק־שטעלן אין דער גאַצער מלחמה־קליידונג און נישט נאָכגעבן, ניין! נישט אויף קיין האָר! —

* * *

און פרצס קבר איז איצט באַשאָטן טיף מיט שניי. דאָס קליינע ברעטל זעט מען נישט אַרויס, 9 יאָר שוין. אין פאַרלויף פון 8 חדשים האָט דער פרץ קאָמיטעט קיין איין זיצונג נישט גע־האַט. קיינער האָט זיך נישט געקימערט. אַ־צט האָט די מלחמה זיך צעפלאַקערט. פרינציפן האָבן זיך צוזאַמענגעשטויסן. און אויב עס וועט איצט פאַרפעלן מוט, די מצבה ענדלעך אַוועקצושטעלן, האָב איך מורא, אַז נאָך חדשים און יאָרן וועלן פאַרגיין, און קיין מצבה וועט אַלץ נישט זיין.

ווייל עס פאַרנעמט זיך דאָך נישט ביי אונז, אַז דער שפּראַכן־קאַמף זאָל אַזוי גיך אויסגעקעמפט ווערן אַהין אָדער אַהער.

לאָמיר האָפן, אַז דער גולד־נפטר־קאַמף וועט זיך גיין זיין גאַנג אָן צו האָבן אַ השפעה אויף אָפּצולייגן דאָס אויפשטעלן די מצבה.

וואַנדאַליזם...

מיר פאַרמאָגן איין־איינציקן דענקמאָל פאַר אַ העלד פון גייסט, פאַר אַ יידישן קינסטלער, — איז דער דענקמאָל פאַרבאָרגן: אויפן בית־עלמין. צווישן די לעבעדיקע איז נאָך די צייט נישט געקומען אויפצושטעלן אַ דענקמאָל פאַר אַ יידישן קינסטלער.

מיר מיינען — די מצבה פון י. ל. פרץ, דער שיינער און געלונגענער מאָנומענט, וואָס מיר האָבן געמוזט וואַרטן אויף אים גאַנצע צען יאָר צייט.

און ער איז נאָך נישט אינגאַנצן פאַרטיק. עס פעלט נאָך אַ קליינע, אַ לעכערלעכע סומע צו דערגאַנצן דאָס ווערק.

די מצבה איז נאָך נישט אויפגעדעקט געוואָרן.

און די מיאוסקייט האָט שוין אויסגעשטרעקט אירע ציינישע הענט צו דעם ווערק!

קומען מענטשן — ווער ווייסט זיי און ווער קאָן זיי! — און נעמען צייכענען, שרייבן, וואָס וועמען קומט אין קאָפּ אריין, און מאַכן פון דעם הערלעכן ווערק פון מייסטער אָסטזשעגאָ אַ תל, נאָך איידער ס'איז אויפגעדעקט געוואָרן.

לאָמיר לייגן די האַנט אויפן האַרץ און לאָמיר מתוודה זיין אונזער נאַציאָנאַלע זינד: מיר פאַרמאָגן נישט דעם חוש פון פּיעטעט פאַר אַזוינע זאַכן.

שטייט אַ מצבה, ווייס, קלאָר, איז ווער עס האָט אַ האַנט און אַ פוס, קלעטערט ציניש אַרויף, נעמט אַ רויטע, צי אַ בלאָע בלייַשטיפט אין האַנט און שרייבט אומגעלומפּערטע ווערטער, צייכנט, טוט, וואָס זיין האַרץ גלוסט, גלייך ווי דאָס וואָלט געווען אַ הפקר־וואַנט.

און מען פאַראומרייניקט די מצבה! שוין איצט איז דאָס ווערק נישט צו דערקאָנען, מען וועט מוזן רופן אַ כעמיקער, ער זאָל פּרואוון מיט פאַרשידענע מיטלען אַרויסצובאַקומען די נאַ־

רישע אויפשריפטן און די אַלע „געמעלעכצן", וואָס האָבן עס אין אַזאַ קורצער צייט באַדעקט.

און זיי מיינען, חלילה, גאָרנישט קיין שלעכטס, די אַלע אומ־באַקאַנטע, וואָס באַגייען דאָס שרעקלעכע פאַרברעכן, זיי ווייסן אפילו נישט, וואָס זיי טוען, זיי פאַרשטייען נישט, זיי פילן נישט... שטייט זיך אַ מצבה, נעמט מען און מען שרייבט.

„איך, יענקעל בן תודרוס, בין געווען ביי דעם פּלאַץ און ס'האָט מיר גאַנץ גוט געפאַלן" און דעסגלייכן אַזוי־זיך פראַזן און ווערטער, דיקטירט פון דער קליינקעפּלדיקייט, וואָס דאַרף זיך ביי יעדער געלעגנהייט לאָזן וויזן און הערן, כדי איר עקזיסטענץ זאָל נישט פאַרגעסן ווערן.

אַי, וואָס דאָס גאַנצע ווערק ווערט פאַרשמירט, באַקומט דאָס אויסזען פון אַ מויער ביי אַן אַריינפאָר־הויז, און עס לייגט זיך דערויף די פאָרמלאָזיקייט, די אומגעשטאַלט, און אָנשטאָט אַ קונסט־ווערק, וואָס עס האָט דאָך געקאָסט אַזוי פיל מי און שע־פערישן — כוח און געלט, באַקומט זיך אַ קאָלעקציע פון שמוציקע פלעקן, דאָס אַרט נישט אים, דעם אומבאַקאַנטן מחבר פון דע־אויפשריפט. ער האָט דאָס זייניקע געטון — פאַראומריייניקט און איז אַוועק!

פון פרצס מצבה רעדן אַראָפּ די פּאַטעטישסטע ווערטער, וואָס אַ יידישער קינסטלער פון די לעצטע דורות האָט אַרויסגעזאָגט: די ציטאַטע פון דער „גאָלדענער קייט", וואָס וואַרעמט און גליט אין איר דערהויבנקייט:

„מיר נשמה־יתרה־יידן א. א. וו.".

און דאָ קומט דאָס מיאוסעניש פון דער וואָכעדיקער גאַס, די באַרישסטע אומגעלומפּערטקייט, און וויל מיטרעדן — אויפן זעלבן פּלאַץ, אויפן סאַמע אויבן־אָן, דאַרף מען צוהערן, וואָס יענקלען בן תודרוסן איז געקומען אין קאָפּ אַריין אין דעם און דעם טאָג!

ס'איז אַ שרעק צו טראַכטן, אַז די דאָזיקע מנוולים ווייסן אפילו נישט, אַז זיי טוען עפּעס שלעכטס!

עס פעלט דער חוש דערפאַר!

וואַנדאַליזם!...

נאָך דער פּרץ-פייערונג

נישט דער ענין פון טויט, וואָס קאָן פאַרגלעטן און אויס-גלייכן די גרעסטע צעריסנקייט — האָט געהאָלפן; נישט דער כבוד פון אַ דיכטער, וואָס לויט די אומעטום גילטיקע באַגריפן, ווערט ער געשוינט פון ווייטע און נאָענטע — האָט געקאָנט איינשטילן ביי אונז דעם פאַרביסענעם חשק זיך צו וואַרפן מיטן גאַנצן אימפּעט אויף די פּרץ-פייערונגען.

איך דערמאָן מיך אין די פייערונגען לכבוד דעם פּוילישן דיכטער שיענקעוויטש. דער ליטעראַטן פאַריין האָט דעמאָלט גע-טראָגן אַ קראַנץ... און אַלץ איז אָפּגעגאַנגען כשורה. דער טאָן פון פייערלכקייט איז פון קיינעם נישט געשטערט גע-וואָרן.

פאַרגלייכט מיט דעם — וואָס ביי אונז האָט זיך אָפּ-געטון!

וואָס איז? עמעצן האָט זיך אויסגעדאַכט, אַז די פייערינג וועט אויסגענוצט ווערן פון דער קעגן-פּאַרטיי; עמעץ האָט זיך, מן-הסתּם, געפילט באַליידיקט — איז אַלץ אָן אַ זייט, מען האָט זיך צעזונגען אויף דער העכסטער אָקטאַווע.

ווי זאָגט שמריהו לעווין: מיר זענען אַ קליין-קליינטשיק פאָלק, אָבער — אַ טאַקטלאָז.

ביי אונז הערט מען שטענדיק, ווי עס טרעשטשעט, ווי עס רייסן זיך שטריק. מיר האָבן, אַ פּנים, אַזוי ליב די קולות, אַז אפילו ביי אַ פייערונג לכבוד אַ גרויסן דיכטער ווערט שוין געזאָרגט, אַז אונזערע אויערן זאָלן נישט אויפהערן צו פאַרנעמען דערביי די משונהדיקע קולות.

און מיר זענען דאָך געשטאַנען פאַר אַ קבר! און מיר זע-נען דאָך געשטאַנען פאַר דעם אָנדענק פון אַ דיכטער.

נאָר טאַקטלאָזע מענטשן זענען נישט פּעיק מוותר צו זיין אויף דאָס זייעריקע בעת אַ פּייערונג.

פּייערונג הייסט הארמאָניע, שטילשטאַנד, איינהאַלטן דעם אָטעם. דער דאָזיקער מאָמענט איז אַזאַ זעלטנקייט אין לעבן פון די מענטשן, אַז ווען ער טרעפט, פאָדערט ער גאָר אַן אַנדערע־אויסערגעוויינלעכע באַציאונג. אָדער מען מאַכט מיט (ווען מען קאָן נאָר), און ווען נישט — שטייט מען אָן אַ זייט און מען שטערט נישט.

מעג עס זיין אַ פייערונג פון ווילדע, פון האָטענטאָטן, פון מענטשן־פרעסערס.

מיר זענען אַלע נישט מער, ווי שוואַכע מענטשן־קינדער, און מיר זענען נישט צעריסן נאָר איינער מיטן אַנדערן, נאָר אין אונזער אינערלעכקייט זענען מיר אַליין צעריסן מיט זיך, פול מיט דיסהאַרמאָניעס. און דעריבער, ווען מען טרעפט אָן אויף אַ פייערלעכער צערעמאָניע, פילט מען דאָס באַדערפעניש (איך רעד פון נאָרמאַלע מענטשן) זיך אויפצושטעלן, אַראָפּנעמען דעם הוט.

* * *

מיך פרייט עס כלל נישט, אויב אין דער פייערונג האָט זיך באַטייליקט (חוץ קליינע אויסנאַמען) נאָר דער יידישיסטישער עולם. עס איז געווען אַ געלעגנהייט אויף אַ גרויסער פייערלעכער נאַציאָנאַלער צערעמאָניע. פּ ר ץ גיט די מעגלעכקייט דערצו. יעדער קאָן אין אים געפינען דאָס זייניקע. עס איז נישט קיין פּאַראַדאָקס, אויב איך וועל זאָגן, אַז אויב די טיפערע קעפּ פון די אָרטאָדאָקסן וואָלטן געלייענט און פאַרשטאַנען דעם אינערלעכן זין פון פּרצס שאַפן, וואָלטן זיי אפילו אים געשטעלט אַ הערלעכע מצבה. ער האָט געמאָלט די רעליגיעזע יידן מיט אַזאַ פּאַטאָס, וואָס קיינער פאַר אים און נאָך אים האָט דאָס נישט געטון. ער האָט געמאָלט די אינערלעכע גרויסקייט פון דער אַלטער רעליגיעזער וועלט. לייענט „פיר דורות — פיר צוואות", און זעט, פאַר וועמען ער פילט דעם גרעסטן רעספּעקט. . .

און פאַר אונזערע העברעיסטן האָט אויך דער נאָמען פּ ר ץ וואָס

צו זאָגן. כאָטש צוליב דעם אייגנאַרטיקן קלאַנג, צוליב דער מוזיק פון זיין העברעיש, וואָס האָט זיין גלייכן נישט.

און פאַר וועמען האָט ער נישט וואָס צו זאָגן?

איך האָב דאָס געפיל, אַז מיר האָבן ביז איצט פּרצן נאָך נישט געלייענט. דאָס, וואָס מיר ווייסן וועגן אים, איז נישט מער ווי אויבערפלעכלעכקייט: דאָס, וואָס רעדט (אָדער שרייט) אַרויס פון זיינע ביכער: דער קולט פון חסידות און יידישיזם. נישט דאָ ליגט זיין גרויסקייט. דעם קולט פון חסידות האָט פאַר פּרצן געפּריידיקט בערדיטשעווסקי, און אויך ער איז נישט געווען שטאַרק אָריגינעל. אין אייראָפּע איז זעמאָלט פאַרגעקומען אַן ענלעכע באַוועגונג קעגן טרוקענעם פּראָטעסטאַנטיזם און פאַר דעם קאַטאָליציזם... דאָס איז אַ קאַפּיטל פאַר זיך. און עס וועט מיר נאָך, מן-הסתם, אויסקומען וועגן דעם צו שרייבן... די טרעגער פון טשערנאָוויצער יידישיזם זענען געווען ד״ר בירנבוים, ד״ר זשיטלאָווסקי און אַנדערע. פּרצס גרויסע באַדייטונג ליגט גאָר ערגעץ אַנדערש. דאָרט, וואו דער דיכטער אַליין האָט קוים דערפון געוואוסט: זיין גרויסקייט מוז מען זוכן אין דעם שטענדיקן אַנטלויפן פון דער פּ סטקייט, פון אַן אפּיקורסטישער וועלט-אַנשויאונג צו אַן אַנהאַלט, צו אַ פולקייט, צו אַ פונדאַמענט.

ער איז, לויט מיין מיינונג, דער נאַציאָנאַלער, דער נאַציאָנאַלסטער יידישער דיכטער.

אַן אַנאַליז פון זיינע פּאָעטישע (נישט פּובליציסטישע) ווערק וועט פאַר אונז ערשט אַנטדעקן דעם אמתן פּרץ.

דעם פאַקט, וואָס די נאַציאָנאַלע פּאַרטייען פאַר עקסעלאַנס, די ציוניסטישע, האָט זיך געהאַלטן אין רעזערוו — מוז איך פאַרשרייבן גאָר באַזונדער אויף דעם חשבון פון אומוויסנהייט, וואָס מען קאָן פּרצס ווערק אַזוי ווייניק, וואָס זייער אינערלעכער זין בלייבט פאַרשטעלט און פאַרטונקלט אונטער אַ בינטל אויסגעדראָשענע פראַזן...

וואָלטן זיי געוווסט דעם סוד פון פּרצס שאַפן, וואָלטן זיי זיך, העבער נאָך ווי די לינקע, געשריגן: פּרץ איז אונזער! דער לינקער פּרץ איז דער באַוואוסטזיניקער; דער נאַציאָ-

גאַלער פּרץ ליגט אין די טיפענישן פון אונטערבאַוואוסטזיין.

ביי פּרצן זענען די צוויי וועלטן פון באַוואוסטזיין און אונ־טערבאַוואוסטזיין געבליבן געטיילט ביז צו זיין לעצטן טאָג. דערפון שטאַמט זיין שטענדיקע אומרואיקייט. עס איז נישט קיין געקלער־טער ווייַן, וואָס מיר טרינקען ביי אים.

* * *

אָבער וועגן דעם אַלעם וועט מוזן געשריבן ווערן אויס־פירלעכער און ברייטער. איך האָב מיר דערלויבט צו מאַכן אויף דעם אָרט די קורצע באַמערקונגען, ווייל גראָד פּרצן האַלט איך פאַר אַ דיכטער, וואָס האָט געקאָנט פאַרייניקן (אויף אַ מאָמענט, פאַרשטייט זיך) אַלע אונזערע צעריסנקייטן און אינערלעכע סתירות. ווער איז שולדיק, אויב דאָס איז נישט אויסגעפאַלן אַזוי? —

אַ פּרץ־מוזעום

פּרץ איז געווען פון די מענטשן, וואָס אומעטום, לאָזן זיי איבער זייערע שפּורן. זיי גייען נישט דורך אַ וועג, וואו מען זאָל די שריט נישט דערקענען. פּרץ האָט געהאַט צו טון מיט אַ וועלט מיט מענטשן, מיט אַ וועלט מיט זאַכן, און אומעטום האָט ער איבערגעלאָזט אַ שטעמפּל פון זיין השפּעה.

און איצט, ווען דער זכרון וועגן אים איז נאָך פריש, ווען די השפּעות זענען נאָך נישט אָפּגעמעקט, איז עס די צייט צו זאַמלען און צו קלויבן אַלץ אויף איין אָרט — צו באַשאַפן אַ פּ ר ץ ־ מ ו ז ע ו ם.

עס פעלט נישט ביים יידישן עולם פּיעטעט און ליבע צו פּרצן, דאָס האָבן באַוויזן די לעצטע פּרץ־טעג. און עס איז כדאי אַ טראַכט צו טון וועגן שוין צוטרעטן צו דער אַרבעט.

דאָס פּרץ־צימער אין לאָקאַל פון „הזמיר", וואָס איז ספּע־ציעל איינגעאָרדנט געוואָרן ביי דער טרויער־פייערונג, איז גע־ווען דאָס אינטע־עסאַנטסטע און שענסטע, וואָס וואַרשע האָט געהאַט פון די פּרץ־טעג. אַ קליינע קאָלעקציע איז עס געווען פון פאָ־טאָגראַפיעס און פאַרשידענע חפצים. ווי קליין און אָרעם די קאָלעקציע איז געווען, האָט זי אונז דאָך אריינגעפירט אין פּרי־וואַטן לעבן פון דיכטער, זי האָט אונז אים געגעבן אין זיין אינטימער סביבה. עס וואָלט געווען זייער צו באַדויערן, ווען דאָס קליינע קאָלעקציעלע זאָל ווידער צוגענומען ווערן, און עס זאָל נישט בלייבן דער קערן פון פּרץ־מוזעום, וואָס דאַרף גע־גרינדעט ווערן.

דער חוב, פאַרשטייט זיך, ליגט צום ערשטן אויפן „הזמיר" אַליין, ער זאָל נעמען די איניציאַטיוו פאַר דער זאַך: צו זאָרגן דערפאַר, אַז די קליינע קאָלעקציע זאָל אַרויסגיין פון פּריוואַטע הענט

און זאָל זיך געפינען אין רשות פון אַ קולטורעלער אינסטיטוציע.

עס ליגט דער חוב אויך אויף אַלע אמתע פריינט פון פרץ און זיין ווירקונג ביי יידן.

עס דאַרף קיינער נישט פעלן: נישט דער באַמיטלטער מיט זיין רובל, נישט דער אַרבעטער מיט זיין גראָשן.

עס דאַרף אָוועקגעלייגט ווערן דער שטיין צו אַ פרץ־מוזעום.

א פרץ-פאַנד

אויף פּרצס אָרון זענען קיין בלומען-קרענץ נישט געלייגט געוואָרן; ביי פּרצס קבר זענען קיין הספדים נישט געהאַלטן געוואָרן. עס האָט זיך אויף דער דאָזיקער לויה געפילט אַ שטילער אָפּמאַך נישט צו ווערן באַנאַל און נוצלאָז ביי דעם אמתן פאָלקס-טרויער. בלומען פאַרוועלקן, און הספדים פאַרקלינגען, אָבער דער זכרון פון פּרץ, וואָס לעבט ביי אונז אין די הערצער, די ליבע צו דעם שאַפנדיקן גייסט, וואָס ווערט ביי אונז נישט פאַרלאָשן, מוז אויסגעדריקט ווערן אויף אַנדערע וועגן. נישט דורך בלומען און רעדעס. עפּעס מוז געשאַפן ווערן; אַן אינסטיטוציע, וואָס זאָל ווערט זיין צו טראָגן דעם נאָמען פון פּרץ, מוז געבויט ווערן. אָט אַזוי איז כמעט ווי פון זיך אַליין אַנטשטאַנען די אידעע פון שאַפן אַ פּרץ-פאָנד.

הונדערט טויזנט זענען אין וואַרשע נאָכגעגאַנגען נאָך זיין לויה; צענדליקער טויזנטער פון אַנדערע שטעט אין רוסלאַנד, צענדליקער טויזנטער אין אַמעריקע, וואָס זענען נאָך זיין לויה נישט נאָכגעגאַנגען, פילן אומבאַדינגט דעם חוב אויסצודריקן זייער טרויער און זייער אַכטונג צום פאַרשטאָרבענעם פּאָעט אויף וועלכן עס איז אופן. די אידעע פון אַ פּרץ-פאָנד דאַרף דעריבער נישט ערשט פּאָפּולאַריזירט צו ווערן, זי איז אַ האַרציקער ערן-חוב, וואָס מיר זענען שולדיק י. ל. פּרצן, און יעדער פון אונז וועט אָן שום ספק מיט פרייד באַגריסן די מעגלעכקייט דעם חוב צו באַצאָלן.

אָבער די מעגלעכקייט דאַרף אונז ערשט געגעבן ווערן. דער פּרץ-פאָנד מוז ערשט אָרגאַניזירט ווערן, אַריינגענומען ווערן אין די ראַמען פון אַ לעגאַלער אינסטיטוציע און גאָר צום ערשטן מוז מען קומען צו אַ באַשלוס וועגן דעם, אויף וואָס דער פּרץ-

פאַנד זאָל אויסגענוצט ווערן, וועלכע צוועקן ער זאָל זיך שטעלן.

מיר דאַרפן זיך פריער ערשט צונויפֿרעדן, און עס וואָלט דעריבער זיין זייער געוואונטשן, אַז אונזער פּרעסע און אונזערע קולטור־פאַריינען און ליטעראַרישע קרייזן זאָלן די פראַגע נעמען באַטראַכטן און אויסדריקן זייערע מיינונגען.

אַ גרופּע קיעווער יידישע סטודענטן האָט געמאַכט די התחלה. זי האָט אין „די וואָך“ פאָרגעלייגט איר פּלאַן, אַז דער פּרץ־פאָנד זאָל אויסגענוצט ווערן אויף יידישע פּרעבל־קורסן. מען קאָן געוויס מסופק זיין, צי דער פּראָגראַם איז נישט צו ענג און באַגרעניצט אויף אַ פּרץ־פאָנד. ווייטער איז אַ פראַגע, צי זאָל דער פּרץ־פאָנד האָבן מער אַ קולטור־געזעלשאַפטלעכן כאַראַקטער, צי מער אַ ליטעראַרישן; צי זאָל ער זיין באַגרענעצט אין אַ טעטיקייט בלויז אויף יידיש, אויף דער שפּראַך, וואָס איז פאַרשטענדלעך פאַר די יידישע מאַסן, צי דער פּרץ־פאָנד זאָל אויך אַריינעמען ריין־ליטעראַרישע אויפגאַבן, און אויף אַזאַ אופן זאָל זיך זיין טעטיקייט אויסדריקן אין ביידע ליטעראַטורן.

מיט איין וואָרט: דאָס צוזאַמענרעדן זיך וועגן די צוועקן פון אַ פּרץ־פאָנד איז גענוג פאַרוויקלט און וועט געוויס האָבן צו באַקעמפן שוועריקייטן, און עס איז דעריבער פון גרויסן נוצן, אַז די פראַגע זאָל באַלויכטן ווערן פון פאַרשידענע זייטן.

מען מוז נעמען אין אַכט:

א) די איבערצייגונגען און סימפּאַטיעס פון י. ל. פּרץ;

ב) אַז דער פּרץ־פאָנד דאַרף צו זיין אַ פאָלקס־אינסטיטוציע אין ברייטסטן זין פון דעם וואָרט;

ג) אַז מען מוז זיך רעכענען מיט די רעאַלע באַדינגונגען, מיט די מעגלעכקייטן ביים אָרגאַניזירן און פירן אַזאַ אינסטיטוציע.

די זאַמלונגען אויף אַ פּרץ־פאָנד האָבן זיך אָנגעהויבן באַלד נאָך פּרצס טויט, ווי געזאָגט, פון זיך אַליין, אָן שום אַגיטאַציע, און זיי ווערן ווייטער געפירט. אָבער די אַרבעט וועט קאָנען געטון ווערן מיט דערפאָלג ערשט נאָכדעם, ווי דער לאָזונג וועט

געגעבן ווערן, און די צילן און דער כאַראַקטער פון פאַנד וועלן באַשטימט ווערן.

דאָס איז די אַרבעט פון דעם צוזאַמענרעדן זיך, וואָס דאַרף ברענגען צו באַשטימטע באַשלוסן אין אַ קורצער צייט.

דאָס מעשהלע פון פרץ

די יאָרצייט פון י. ל. פרץ איז אין וואַרשע, ווי אויך אויף דער פּראָווינץ, געפייערט געוואָרן, קאָן מען זאָגן, דורכן גאַנצן פאָלק. פאַרזאַמלונגען, אָוונטן, מאַסן-מיטינגען און טעאַטער-פאָר־שטעלונגען זענען געווען אין די צענדליקער, און אַלע זענען גע־ווען פול געפּאַקט. מען האָט פיל גערעדט וועגן פרצן. און פ א ר ־ ש י ד ן גערעדט: עס האָבן גערעדט נאָענטע און ווייטע, חברים פון זיין גלויבן און זיינע מעשים, און קעגנער האָבן גערעדט: וולאַדימיר מעדעם גלייכצייטיק מיט הלל צייטלין האָבן געערט זיין אָנדענק. די דאָזיקע טעג זענען געווען פרץ-טעג: דער לי־בער פּאָפּולערער נאָמען האָט זיך געטראָגן אין דער לופטן און האָט אויסגעפּילט די אַטמאָספער.

און ווען מען דערמאָנט זיך די פאַרגאַנגענהייט, אַ יאָר צו־ריק, ווען מ׳ר האָבן דעם גרויסן מת געטראָגן דורך די הינטער־גאַסן, און מיר זענען מיט אונזער צער געווען צו שאַנד און צו שפּאָט, און קיין איינציק וואָרט האָט נ י ש ט געדאַרפט גערעדט ווערן אויף זיין קבר — וואָסער אונטערשיד!

פיל, פיל מענטשן איז דער רעיון געקומען אין קאָפּ אַריין, פיל האָבן אים אַרויסגעזאָגט.

און דער שרייבער פון די שורות האָט מסתמא אויך אַזוי געטראַכט. אָבער אַ מאָדנע זאַך: איצט, ווען דאָס אַלץ איז אַרי־בער, די פייערונגען זענען געפייערט געוואָרן, די רעדעס — גע־האַלטן געוואָרן, און מיר האָבן י. ל. פרצן איבערגעגעבן דער היסטאָריע, און איך וויל מאַכן דעם פאַרגלייך פון היי־יאָר צו פאַראַ־יאָרן, דאַכט זיך מיר אויס, אַז יענע טריבע טרויעריקע טעג, מיט זייער טיפן אומעט, מיט דער נידערגעשלאָגנקייט און צעבראָכנ־קייט, זענען געווען גרעסער, באַדייטונגספולער, און די שפּורן,

וואָס זיי האָבן געלאָזט, זענען פיל טיפער, ווי די היי-יאָריקע, און זיי האָבן זיך מער איינגעקריצט אין זכרון.

פאַרוואָס?

צי אפשר נישט טאַקע דערפאַר, וואָס מיר האָבן ג ע ש ו י ג ן? אַ געצוואונגען שטיל-שווייגן פון אַ פאָלק, וואָס איז פול מיט טרויער, איז עס געווען, און אַזאַ שטיל-שווייגן שרייט ביז צום הימל!

יענע פּראָצעסיע פון פיל צענדליקער טויזנטער, מיט דער שוואַרצער מיטה אויף די אַקסלען פאַריס, מיט דעם אויטאָמאָביל, וואָס איז אַריינגעפאָרן אין מיטן, ווי אויף צו להכעיס, — איך מיין, נאָך איצט רופט זי אַרויס אַ שוידער, בשעת מען דערמאָנט זיך. די איצטיקע פּרץ-טעג אין ווארשע זענען אַריבער מיט גרויס פּאַראַד, און אין האַרצן בלייבט יענע גראָקייט, וואָס קומט נאָך יעדן פּאַראַד.

און עס דערמאָנט זיך מיר אַ מעשהלע, וואָס פּרץ פלעגט אַזוי אָפט דערציילן יעדן נייעם באַקאַנטן, וואָס ער האָט ליב באַקומען, און אַ שטיק פון זיין וועלט-אַנשויאונג איז געלעגן אין דעם מעשהלע.

מיט אַ יונגער פּרינצעסין אין אַ שלאָס, מיט אַ פאַרבאָטענעם גאָרטן, הויבט זיך דאָס מעשהלע אָן. אָבער די פּרינצעסין האָט שטאַרק געבענקט, און זי האָט זיך געלאָזט אַליין שפּאַצירן אין דעם פאַרבאָטענעם גאָרטן. זי האָט דאָרט דערזען אַזוינע שיינע בלומען, וואָס האָבן זי שיכור געמאַכט מיט זייער אויסזען; זי האָט דאָרטן דערזען קליינע געשיקטע חיהלעך, וואָס אפילו אַ פאַנטאַזיע פון אַ יונגער פּרינצעסין האָט זיך אַזאַ גראַציעזקייט נישט געקאָנט פאָרשטעלן. און אָט איז עס געשען: די פּרינצעסין האָט אַ בלום אָפּגעריסן מיט פאַרבענקטער צאַרטקייט, און ווי זי האָט די בלום גענומען אין האַנט אַריין, איז זי באַלד פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ מיאוס שטיק קויט, וואָס האָט נאָר אָן עקל אַרויסגערופן; ווי זי האָט געפּרוואוט אַזאַ קליין חיהלע צו נעמען אין האַנט און עס געוואָלט לאַשטשען, האָט זי דערזען ביי זיך אין האַנט אַ גליטשיקע, ווידריקע, גרינע זשאַבע, און זי האָט זיי אַוועקגעוואָרפן מיט אַ שוידער, מיט אַן עקל. אָבער ווידער האָט זי גע-

גומען שפּאַצירן, און די שיינע בלומען האָבן מיט זייער איבערערדישער שיינקייט געלאָקט, די חיהלעך האָבן גערופן, געבעטן אַ לאַסקע, און ווידער האָט זי זיך נישט געקאָנט איינהאַלטן און. . . עס איז ווידער דאָס זעלבע געשען. לאַנגע, לאַנגע צייטן זענען אַזוי פאָריבער אין בענקעניש און אַנטוישונג, און דער דאָזיקער וועקסלענדיקער פּראָצעס האָט זי אַזוי באַשעפטיקט, אַז זי האָט פאַרגעסן איר שלאָס און איר היים. עס האָט לאַנג געדויערט, און זי האָט זיך קיין חשבון נישט אָפּגעגעבן, ביז איינמאָל איז זי געבליבן זיצן מיד, זי האָט שוין מורא געהאַט אויסצושטרעקן די האַנט נאָך אַ בלום. . . און פון אַ הייל אַרויס איז געקומען אַ קאַרליק, אַנטקעגן געטראָגן איר אַ שפּיגל פאַרן פּנים און דאָ האָט זי דערזען: אירע האָר זענען געווען שניי-ווייס. דאָס פּנים פול קנייטשן, די פיגור געבויגן — די יונגע פּרינצעסין איז אַן אַלטע געבראָכענע זקנה געוואָרן. אין דעם דאָזיקן זוכעניש, אין דעם וועקסל פון בענקשאַפט און עקל און אַנטוישונג, איז איר לעבן דורך.

צי נאָר איר לעבן?

עס איז געווען אַ גרונט-זאַץ פון פּרצס עסטעטישער וועלט-אָנשויאונג, אַז נאָר אין דעם, וואָס איז נאָך נישט דערגרייכט געוואָרן, ליגט אַ שיינקייט, קיינמאָל נישט אין דעם פאַרטיקן, אין דעם דערגרייכטן. דאָס לעבן איז מיאוס, דאָס לעבן איז קויט און זשאַבעס, דאָ איז קיין אָרט פאַר באַפרידיקונג נישטאָ, אין אונזער בענקשאַפט ליגט די שיינקייט, אין דער נישט-אָפּגעפליקטער בלום. און דעם דאָזיקן עסטעטישן פּרינציפּ האָט ער ווייט און ברייט אָנגעווענדט, אַזוי אין זיין שאַפן, אַזוי אויך אין זיין לעבן.

און ווי דאָס לאָזט זיך אָנווענדן אויך אַנטקעג דעם אונטערשיד פון היי-יאָר און פאַראַיאָרן: דעמאָלט איז אונזער טרויער געווען אַ נישט-אָפּגעפליקטע בלום, אַ תהום פון צער איז געלעגן אין אונזער שווייגן; היי-יאָר האָבן מיר געפייערט, גערעדט, פיל גערעדט קלוג און נאַריש גערעדט, ערנסט און חניפהש גערעדט, און מען האָט די גרויסע פּערזענלעכקייט געצויגן יעדער אויף זיין זייט. בשעת פאַר איינע איז ער געווען דער ראַדיקאַל און דעמאָקראַט

האָבן די צווייטע אים שיער נישט אָנגעטון זיין אייגן, אַזוי סאַר-קאַסטיש-אויסגעלאַכט „שטריימל"...

יאָ, דאָס דערגרייכטע איז נישט אינטערעסאַנט, שיין — אוודאי נישט.

* * *

איך האָב נאָך געוואָלט אויסבעסערן אויף דעם אָרט אַ פּעלער, וואָס איינער פון די רעדנער, ה' נח פּרילוצקי, האָט געמאַכט בנוגע דער באַציאונג פון פּרצן צו דער יידישער שפּראַך, עס האָט אויך אַ שייכות צו דער מעשה און צו דער כאַראַקטעריסטיק פון פּרצן.

אָנווייזנדיק מיט רעכט אויף דער באַציונג פון פּרצן צו יידיש, וואָס האָט זיך געענדערט פון זינט ער האָט אַרויסגעגעבן די „יידישע ביבליאָטעק" ביז צו די לעצטע יאָרן, האָט ה' פּרילוצקי, דערמאָנט, אַז פּרץ איז געווען אַ קעגנער פון דער טשערנאָוויצער רעזאָלוציע, וואָס זאָגט, אַז יידיש איז אַ נאַציאָנאַלע שפּראַך פון יידישן פאָלק. וועגן דעם, אַז פּרץ האָט דורכגעמאַכט אַ געוויסע ליניע בנוגע יידיש, דערין איז קיין שום ספק נישט פאַראַן. אָבער עס איז לייכט צו דערקענען, אַז מיר האָבן דאָ נישט צו טון מיט קיין געבראָכענער ליניע, מיט זיגזאַגן, נאָר מיט אַן אַנטוויקלונג. דער אַרויסגאַנג-פּונקט איז שטענדיק געווען די אמתע צוגעבונדנקייט צו יידיש. וואָס אָנבאַלאַנגט אָבער פּרצס אָפּאָזיציע צו דער טשערנאָוויצער רעזאָלוציע, איז עס נישט מער ווי אַ מיספאַרשטענדעניש. אויף דער טשערנאָוויצער קאָנפערענץ און אויך פּריוואַט פלעגט פּרץ טענהן: איך בין איבערצייגט, אַז אויף יידיש דאַרף די יידישע צוקונפט געבוים ווערן, אַז יידיש דאַרף ווערן די נאַציאָנאַלע שפּראַך פון יידן, אַז זי מוז און וועט דאָס ווערן. אָבער כל-זמן מיר האָבן נאָך נישט אונזערע אַלטע קולטור-אוצרות אַהער אַריבערגעפירט, כל-זמן מיר האָבן נאָך נישט אויף יידיש אונזער ירושה פון דורות, אונזערע אַלטע נאַציאָנאַלע ווערק, איז יידיש פאָרלויפיק אַ פאָלקס-שפּראַך. אויף אונז ליגט דאָס דער חוב זי צו מאַכן פאַר

אַ נאַציאָנאַל-שפּראַך. צוליב פּאָליטישע מאָטיוון איז פאַרבאָטן צו זאָגן, וואָס נישט ריכטיק איז, וואָס איז נאָך נישט אמת. פון פּרינציפּיעל זיין קעגן דער טשערנאָוויצער רעזאָלוציע קאָן גאָר קיין רייד נישט זיין. אין תּוך אַריין איז ער אומעטום אַרויסגעטרעטן אַלס קעמפער, און זייער הייסער קעמפער, פאַר איר.

און איך וועל קיין טעות נישט האָבן, אויב איך וועל זאָגן, אַז אויך אין זיין באַציאונג צו יידיש איז געלעגן דאָס מעשהלע-יידיש האָט פאַר אים געהאַט די גרויסע צוציאונגס-קראַפט טאַקע דערמיט, וואָס זי איז פאַר אים געווען אַ נישט-אָפּגעפליקטע בלום, וואָס האָט געוועקט די בענקשאַפט זי צו שאַפן. ער האָט וועגן איר געחלומט, וועגן דעם גרויסן און שיינעם, וואָס זי וועט אַרויסגעבן, בשעת זי וועט זיך צעבליען. דער גרונט-זאַך, אַז יידיש דאַרף צו ווערן אַ נאַציאָנאַלע שפּראַך, האָט פאַר אים געהאַט פיל מער באַדייטונג, ווי דער גרונט-זאַך, אַז יידיש איז דאָס שוין.

ווייל אין פּרצן איז געווען פיל, זייער פיל פון יענער יונגער פּרינצעסין פון דעם מעשהלע.

פרצס יאָרצייט

פאראַן נעמען, וואָס מען קאָן זיך מיט זיי נישט אָפּגעזעגענען, סיידן מען זאָל זיך אָפּגעזעגענען מיט אַ שטיק פון אייגענעם איך, אַזאַ נאָמען איז פאַר אונז אַלע, איז פאַר דעם גאַנצן יידישן פאָלק, וואָס לעבט און גלויבט אין זיין צוקונפט, דער נאָמען י. ל. פרץ.

ער איז געווען דער פאַטאָס פון אונזער נאַציאָנאַלן לעבן, דער שבת און דער יום-טוב פון אונזערע וואָכעדיקע, גראָע טעג. זיין גאַנץ לעבן, רעדן און שאַפן איז געווען אַן אָפּלייקענונג פון דעם טאָג-טעגלעכן, פון דעם שטייענדיקן, אַ פראָטעסט קעגן דעם באַנאַלן און וואָכעדיקן. זיין זין פאַר די באַדערפעניש פון היינטיקן טאָג האָט שטענדיק קוים נאָכגעהינקט נאָך זיין גליענדיקער בענקשאַפט צו די זונען, וואָס דאַרפן ערשט אַרויסגיין פון נעפל, צו דעם „נאָך-נישט-געשעענעם”, „נאָך-נישט-געשאַפענעם”, ווי ער אַליין פלעגט זיך אויסדריקן. די ליכטיקייט פון זיין פערזענלעכקייט פלעגט פאַלן אויף די טאָג-טעגלעכע באַמיאונגען פון די אַרבעטער אויף אונזער קולטור-נאַציאָנאַלן פעלד, וואָס האָבן צו טראָגן די שטיינער און דאָס ליים, און פאַמעלעך, פאַמעלעך צו בויען דעם בנין. מיט דעם נאָמען י. ל. פרץ איז פאַרבונדן אַ באַזונדערע וואַרעמקייט, אַ באַזונדערער גלויבן, וואָס האָט דערמונטערט, דערהויבן, און האָט דעם לעצטן און וואָכעדיקסטן צווישן אונז געגעבן דאָס באַוואוסטזיין, אַז ער אַרבעט פאַר עפּעס, וואָס איז גרויס און הערלעך אין דער צוקונפט. וואָס איז דאָס וואונדער, אַז מיר קאָנען זיך מיט זיין אָנדענקען נישט שיידן?

מיר ווילן, אַז דער אָפּגלאַנץ פון זיין נשמה זאָל אַלץ נאָך רוען אויף אַלדינג, וואָס מיר האָבן צו טון, אַזוי פאַמעלעך, אַזוי וואָכעדיק, אַזוי שווער, ווייל ערשט אין דעם דאָזיקן אָפּגלאַנץ באַקומט דאָס קליינע, טאָג-טעגלעכע און וואָכעדיקע אַ העכערן זין, אַ

הערלעכע באדייטונג. צוויי יאר זענען שוין אריבער פון זיין טויט, אבער מיר רופן אלץ נאך אן זיין נאמען, ווייל אין קלאנג פון די ווערטער „י. ל. פרץ" ליגט פאר אונז באהאלטן דאס וואונדערבארע און נישט-דערקלערלעכע, וואס פארבינדט די קליינע מעשים מיט דעם גרויסן ציל, די איצטיקע שעה אין דעם היינטיקן טאג — מיט לאנגע דורות אונטער, אונז און פאר אונז. די צייטן, ווען פרץ איז געווען צווישן אונז, זענען — בנוגע אונזערע נאציאנאלע האפענונגען — געווען שווערערע, ווי די היינטיקע. די מעגלעכקייט פון קולטור-נאציאנאלער זעלבשטענדיקייט איז געווען ווייט, ווייט אפגערוקט פון אונז. אן אידעאל פאר אונז, א פוסטער חלום — פאר אונזערע קעגנער. היינט איז דער חלום ארויסגעשוואומען אלס א זאך פון רעאלן קאמף. די אידעאלן, וואס דער פארשטארבענער דיכטער האט געקעמפט פאר זיי, זענען אויס צו זיין פיל נענטער, ווי זיי זענען געווען. איצט, גראד איצט, פילן מיר דעם גרויסן פארלוסט, וואס זיין טויט האט אונז געבראכט. וויפיל באגייסטערונג, וויפיל ענטוזיאזם וואלט די באוועגונג געהאט, ווען י. ל. פרץ וואלט געווען צווישן אונז!

ער וואלט געווען מער ווי אן אנפירער און פאליטיקער פון אונזער נאציאנאלער באוועגונג — איר העלד וואלט ער געווען.

ווייל אויב פאר דעם קריטיקער איז ער א גרויסער שרייבער, פאר דעם פסיכאלאג — א קאמפליצירטע רייכע פערזענלעכקייט, וואס האט איינגעזויגן אין זיך אלע קאנטראסטן פון אונזער לעבן, ליכט און שאטן, גלויבן און פריייזיניקייט, איז ער פאר דעם פאלק — א העלד און א לעגענדע.

א וואונדערבארער יידישער העלד פון די פאלקסטימלעכע געשיכטן — א געשטאלט געוועבט פון לויטער העלע שטראלן.

דאס שענסטע און וואָרסטע, וואס מען קאן זאגן וועגן י. ל. פרץ, איז, אז וואס ווייטער ער רוקט זיך אפ פון אונז, וואס מער מיר זעען אים אין פערספעקטיוו, אלץ מער ענלעך ווערט ער צו דעם געשטאלט פון א פאלקס-העלד.

און העלדן לעבן אייביק צווישן פאלק, ווייל זיי פארקערפערן שטענדיק א זייט פון דער פאלקס-נשמה.

צו פּרצס דריטער יאָרצייט

ס'איז שוין דריי יאָר נאָך פּרצס טויט, און טראָץ דעם, וואָס זיין זכרון איז נאָך אַזוי פריש, אַז מען קאָן זאָגן, ער הויבט ערשט אָן צו לעבן צווישן פאָלק, — האָט וואַרשע ביז איצט זיך נישט געקאָנט דערשלאָגן צו עפּעס אַ ריכטיקער אינסטיטוציע אויף זיין נאָמען. ס'איז אַ חרפּה אויסצוזאָגן: ביז איצט איז נאָך אפילו קיין מצבה נישט פאַראַן אויף זיין קבר!

אמת, די פּראָווינץ און אויך וואַרשע זענען פאַרפלייצט מיט אינסטיטוציעס, וואָס טראָגן דעם נאָמען „פּרץ". קינדער-היימען. שולן, ביבליאָטעקן און אַ. וו. נוצן גערן אויס די געלעגנהייט צו טראָגן אויף זיך די שילד פון דער ליכטיקער פּערזענלעכקייט, וואָס ווירקט נאָך ביז איצט מאַגנעטיש. אָבער קיין איינע פון די אינסטיטוציעס זענען נישט ספּעציעל געגרינדעט צו פאַראייביקן י. ל. פּרץ, און נישט זיי זענען ווערט צו טראָגן דעם נאָמען. דער גרויסער יידישער אוניווערזאַלער גייסט ווערט, אַזוי צו זאָג, עקספּלואַטירט אין איינצעלן פאַרקויף, און יעדער איז אַ בעלן אויף אים. עס ליגט, קענטיק, אַזוי שוין אין אונזער בלוט, די מלאכה פון קליין-האַנדל. דאָס גרויסע ווערט פאַרגראָשנט, פאַרטאָג-טעגלעכט. איך מיין. דער נאָמען י. ל. פּרץ האָט פאַרדינט צו באַציען זיך מיט אַביסל מער דרך-ארץ צו אים, אַז נישט יעדער זאָל אים קאָנען זוכה זיין ווי פון הפקר. מילא, די פּראָווינץ ווי די פּראָווינץ. ביי איר איז דאָך די ביבליאָטעק, צי די קינדער-היים, דער העכסטער אויסדרוק פון איר קולטורעלער עקזיסטענץ. און ווען זי באַנוצט זיך מיט דעם נאָמען פון פּ"ץ, קומט עס ביי איר אויס זייער נאַטורעל און נאַיוו. פון וואַרשע אָבער וואָלט מען געקאָנט פאַדערן, אַז מען זאָל האָבן אַביסל געפיל פון דיסטאַנץ, מען זאָל נישט פאַרקליינלעכן און אויסטוישן אויף קליין-געלט דאָס, וואָס

איז, און באַדאַרף צו בלייבן, אַ סימבאָל פון אַ נאַציאָנאַלער קול־טור. אויפן נאָמען פון פרץ דאַרף געגרינדעט ווערן אַזוינס, וואָס זאָל באמת שטיין דערהויבן איבער דעם וואָכעדיקן און גראָען אין די זאָרגן פון טאָג: אַ נאַציאָנאַלע אינסטיטוציע, אַ געזעלשאַפט מיט קולטור־צוועקן פון אַ העכערער, אַלגעמיינער אַרט.

מיר האָבן דורכגעלעבט די דריי יאָר נאָך זיין טויט, ווי אין אַ לאַנגן שווערן קאָשמאַר. די מלחמה איז נאָך נישט פאַרביי, אָבער די צעטומלטקייט, וואָס האָט אונז אַרומגענומען, הויבט־אָן נאָכצולאָזן. עס איז דעריבער די העכסטע צייט אַ טראַכט צו געבן וועגן דעם נישט באַצאָלטן חוב, וואָס מיר זענען שולדיק דעם גרויסן דיכטער און... אונז אַליין.

דאָס ווייט נ פעטערבורג פאַרמאָגט אַ קולטור־געזעלשאַפט אויפן נאָמען פון י. ל. פרץ. די צילן און דער כאַראַקטער פון דער געזעלשאַפט זענען אונז נישט גענוג באַקאַנט, אָבער לויט די אָפּגעהאַקטע ידיעות, וואָס מען האָט באַקומען פון רוסלאַנד, איז צו זען, אַז די געזעלשאַפט האָט אַ מער ברייטערן אַלגעמיינעם כאַראַקטער, און געהערט כלל נישט צו דעם טיפּ פון די לאָקאַלע חברהלעך און אינסטיטוציעס, וואָס טראָגן דאָ ביי אונז דעם נאָמען. וואַרשע וואָלט זיך געמעגט דערלויבן אויף עפּעס ברייטערס. צי דאָס זאָל זיין אַן אינסטיטוציע פאַר אַ ברייטן פאָלקס־געברויך אין דער פאָרם פון אַ פאָלקס־הויז, אַ טעאַטער צי דעם גלייכן, אָדער זי זאָל האָבן מער דעם כאַראַקטער פון עפּעס עקס־קלוסיוו, צו אַ יידישן מוזעום אָדער אַקאַדעמיע — דאָס איז אַ פראַגע אויף שפּעטער. איצט איז די צייט, אַז קודם־כל די פריינט און פאַרערער פון פאַרשטאָרבענעם און אַלע די, וואָס פילן דעם חוב עפּעס צו טון, זאָלן זיך אָרגאַניזירן אין אַ פרץ־קאָמיטעט, וואָס זאָל איבערנעמען די איניציאַטיוו אין זיינע הענט.

דער רוף פון פריילינג

דער נאָמען פרץ פלאַטערט איצט ווי אַ פאָן איבער טויזנטער יידישע אינסטיטוציעס: קינדער־היימען, שולן, קונסט־פאַריינען, ליטעראַרישע קלובן, ביבליאָטעקן א. אַ. וו. נישט נאָר אין פוילן און אין רוסלאַנד, נאָר העט־ווייט איבער די ברייטע ימען; אומעטום וואו יידן זענען פאַרשפּרייט, אין בערלין אַזוי ווי אין בוענאָס־איירעס, אין מאָנטרעאַל און אין ניו־יאָרק, געפינט איר זיי, די פאַרשידענע אינסטיטוציעס, וואָס טראָגן זיין נאָמען. ווי וואונדערלעך דאָס איז! פרץ, וואָס איז דער מענטש אָן פראָגראַם, אַ פאַרביסענער פיינט פון יעדער זאַך, וואָס לאָזט זיך אָפּגרענעצן און איז אונטערגעוואָרפן די דריי אויסמעסטונגען; פרץ, פאַר וועמען דער אמת אַליין איז נישט מער ווי אַ שטיק באַוועגונג; פרץ, וואָס האָט קיינמאָל קיין קלאָרקייט נישט געהאַט אין זיינע געדאַנקען, אין שפּיל פון די פּסיכישע פּראָצעסן, פון דערקאָנען און פילן די צוזאַמענשטויסן און סתירות, האָבן אים גיכער געוויילט איידער געמאַטערט, ביי וועמען דאָס פרעגן איז געווען דאָס העכסטע און שענסטע און דער ענטפער נאָר דער שטויב און בלאָטע פון דער גראָער עקזיסטענץ. — דער דאָזיקער פרץ איז איצט כמעט ווי אַ נאַציאָנאַל־פּראָגראַם. ווייל עס איז נישט קיין צופעליקייט, וואָס די קאַנאַדער פאָלקס־שול טראָגט זיין נאָמען צוגלייך מיט דער קינדער־היים אין וואַרשע; עס איז נישט קיין טראַף, וואָס אומעטום, וואו ס'ווערט דערוועקט דער אינטערעס צו אַ יידיש שאַפן, צו דער שפּראַך, וואָס אין מויל פון פאָלק, דאָרט שווימט אַרויס דער נאָמען פרץ אַזוי ווי פון זיך אַליין און פלאַטערט אויף דער אַרויסגעהאָנגענער פאָן. עס גרופּירן זיך מענטשן, איינעם צום אַנדערן צים, און זיי פילן, אַז איבער זיי שוועבט אַ לעבעדיקער גייסט אין יידנטום.

אין מיטן שימל פון לעבן, אַליין אפשר פאַרזונקען אין דער יידישער בלאָטע, אַ משכּיל און אַן איבערגעשפּיצטער מיט אַלע יידישע דריידלעך און געבראָכנקייט, דרייט ער זיך אַרום אַ לעבן לאַנג מיט אַ גרויסן טראָמפּייט אין מויל, און ווען ער בלאָזט, ווערט די לופט פול, ממש פול מיט משונהדיקע קולות. טיילמאָל פאַלש, טיילמאָל אָן טאַקט, אָבער שטענדיק הילכט עס און שאַלט און עכאָס ענטפערן פון אַלע זייטן. און פון צייט־צו־צייט כאַפּט זיך אַרויס אַ הימלישע מעלאָדיע, עפּעס ווי נישט פון דער וועלט, אַ ווייטע און זיסע, וואָס אַנטציקט און פאַרכּישופט.

און צו וואָס רופט ער? שפּילט דער טראָמפּייט אַן אַטאַקע אָדער אַ צוריקגאַנג: „בילדונג” אָדער „רוח היהדות”? — ביידע נישט אָדער ביידע יאָ. ווי קומען צו אים סטאַבילע, געזעצטע באַגריפן?

פּ ר ק איז אַ ר ו ף, אַ שטענדיק שאַלן. לעבעדיקע! נישט זייט ווי די מתים! פילענדיקע! נישט זייט ווי די עוונוכן מיט פאַרגליווערטע געפילן! העי! האַ! און נאָך אַמאָל העי! דאָס לעבן קאָכט און זידט, דאָס לעבן איז פול באַוועגונג און רייך, און איר, וואָס שטייט איר?! וואָס איז מיט אייך. וואָס איר האָט אַראָפּ־געלאָזט די נעז? זענט איר פאַרצווייפלט, אָדער האָט אַן אני־מאמין אייך פאַרנאַרט אין פלאַנטער פון אַ נעץ און איר שטייט געבונדן? נאַראָנים, וואָס איר זענט!

דער געדענק־טאָג פאַר פּרצן, זיין יאָרצייט, פאַלט אויס אין די ערשטע טעג פון פרילינג, ווען די ביימער הויבן אָן צו גרינען. פרעגט ביי דער נאַטור, וואָס ווערט מיט אַמאָל רירעוודיק, רעדנדיק, אויף טויזנטער שפּראַכן, ציטערנדיק אין יעדן ווייכן וואָ־רעמען שטראַל, גאַרנדיק אין יעדן הויך פון די לינדע ווינטן, — פרעגט זי, וואָס וויל זי און וואָס איז זי אויסן? וואָס מיינט זי מיט איר שאַפן און צו וואָס רופט זי אייך? טויזנט חכמים האָבן אויפגעשטעלט טויזנט פילאָזאָפישע סיסטעמען, און דאָס לאַכנדיקע קינד, וואָס האָט זיך געלאָזט גאַלאָפּ און שפּרינגט אַנטקעגן דעם הימל און דער זון, איז קלוגער פאַר אַלע טויזנט חכמים צוזאַמען.

דער יסוד פון חסידות, פּרצס גרעסטע ליידנשאַפט, איז נישט קיין מיסטיציזם, אַ רעליגיע־סיסטעם, אַ פאַרטיפונג. דאָס זענען

נעבן-זאַכן. דער יסוד איז אָט דער רוף פון דער נאַטור. דער צוריקקער פון פרילינג, דער שאַל פון לעבן, וואָס גייט דורך אַלע דורות. יעדעס פאָלק און יעדע קולטור האָט זיין „חסידות” אין ד ע ר צי אַנדערער פאָרם. עס טרעפט, אַז דורך לאַנגע דורות ווערט דער גייסט פון די מענטשן פאַרווינטערט, די קוואַלן ווערן פאַרפרוירן, דאָס לעבן איז פאַרגליווערט, אַנשטאָט לעבעדיקע באַוועגונגען ווערן באַשאַפן שאַבלאָנע אויסגעטרעטענע ניגונגען און בויגונגען, אַזוי ווי ביי די כינעזער. ביז עס הויבט אָן צו רופן און צו וועקן, פייגל קערן צוריק פון ווייטע וואַרעמע לענדער, עפּעס רייסט זיך, בונטעוועט זיך, דאָס אייז פּלאַצט, און אַ טראָמפּייטשאַלט — דער פרילינג קומט! נעמט לעבן, נעמט שאַפן, ווייל איר זענט דאָך די לעבעדיקע.

דאָס איז געווען דער רוף פון כּרצן, און אויב איר ווילט — זיין פּראָגראַם.

נישט קיין נאַציאָנאַל פּראָגראַם, נישט קיין ספּעציעל יידיש, נאָר אַ ריין מענטשלעכן מאָטיוו האָט ער אויסגעבלאָזן אויף זיין הילכיקן טראָמפּייט.

און מיר, די קלוגע און איבערגעשפּיצטע פון דאַנציקער יר יד, די דאַרע און קוואַרע פון בית-המדרש, און די פאָרמעלעקעפּ פון אוניווערזיטעט — ווי נויטיק האָבן מיר געהאַט דעם רוף, דעם דרייסטן שאַלנדיקן, נישט-קאָנסעקווענטן, אָבער דאָך אַזוי טיף אַריינדרינגענדיקן.

פרץ האָט געמאַכט אַן עפּאָכע, און דער דור וועט אָנגערופן ווערן אויף זיין נאָמען.

און וואו עפּעס ווערט געשאַפן, עפּעס, וואָס האָט וואָרצלען אין יידישן לעבן; עפּעס, וואָס בויט נישט אויף מעכאַניק און אויף קאָמבינאַציעס, נאָר אויף אינערלעכן וואוקס, אויף אָרגאַנישער אַנטוויקלונג, אויף נאַטור און פאָלקסטימלעכקייט, — דאָרט ווערט דער נאָמען פרץ דערמאָנט און אויפגעשריבן אויף דער פאָן.

אויף טויזנטער וועגן בלאָנדזשען די מענטשן, און קערן זיך סוף-כל-סוף ווידער צוריק צום פרילינג, צום רוף פון שאַפעדיקן לעבן.

ביי דער פּרץ־מצבה

(רעדע געהאַלטן 20־סטן אַפּריל 1925)

אויף זיין טויט־בעט, פאַרוואָרפן און פאַרוואָגלט פון היים און לאַנד און פאָלק, האָט העניריך היינע, דער דאָזיקער גרויסער יידישער דיכטער, וואָס זיין יידיש געמיט שטייגט איבער אַלע זיינע נישט־יידישע מעשים, — זיין שמד נישט אויסגענומען — ביטער זיך געקלאָגט:

מען וועט נישט זינגען קיין מעסע,
מען וועט נישט זאָגן קיין קדיש
אין טאָג פון מיין שטאַרבן.

עס איז אַ שרעקלעך און ביטער ליד. דער אומעט פון פאַרלענגלעכקייט וויינט דערפון, ווי פון אַ פאַרלאָזענעם בית־הקברות. דער צער פון פאַרגעסנקייט רעדט דערפון.

עס קומען מיר די ווערטער אין קאָפּ אריין נישט צוליב אַ פאַרגלייך מיט דער היינטיקער פייערונג, נאָר פּונקט פאַרקערט — צוליב דעם קאָנטראַסט.

צען יאָר זענען אַריבער זינט דעם טויט פון גרעסטן יידישן דיכטער פון אונזערע צייטן, פון י. ל. פּרץ, און איך שטיי דאָ פאַר אייך אין מיטן פון אַ פייערלעכער שטימונג, פון הונדערטער קרענץ און דעלעגאַציעס, פון טויזנטער און צענדליקער טויזנטער מענטשן, וואָס פאַרנייגן די קעפּ פאַר דעם אָנדענקען פון זייער דיכטער און באַגייסטערער, וואָס פאַרנייגן די קעפּ מיט דאַנקבאַרקייט און יראת־הכבוד, אָבער נישט מיט יאוש, נישט מיט דער וויימוטיקער פאַרלאָזנקייט פון יענעם פאַרבלאָנקעטן קינד פון יידישן פאַרנאַס.

ווייל פּרץ איז געווען דער אמתער דיכטער פון זיין פאָלק,

וואָס האָט געלעבט, געליטן, געהאָפט, געגלויבט מיטן פאָלק, און אין גליִענדיקן גלויבן איז ער ווי אַ מעטעאָר פאַרשוואונדן.

וואָסערער קאָנטראַסט! דער אָרעמער, געפּייניקטער, פאַר־וואָגלטער זשעני פון מייסטער פון „בוך דער לידער“, און דער־ברענענדיקער, לעבעדיקער, גלויביקער י. ל. פּרץ, וואָס פאַלט ווי אַ העלד, פלוצלינג, דאָ — ביי זיין אַרבעט־טיש, ווען די טינט האָט נאָך נישט באַוויזן אויס־געטרוקנט צו ווערן פון פּאַפּיר!

און דעריבער דערלויבט מיר צו זאָגן, אַז נישט געפילן פון צער און טרויער דאָמינירן איצט ביי דער פייערונג, נישט דעם שווערן אָטעם פון טויט הערן מיר, נישט די מרה־שחורה פון פאַר־געגנגלעכקייט לייגט זיך אויף אונז — ניין!

ווייל — פּרץ איז דאָס לעבן.

פּרץ דאָס איז גלויבן.

פּרץ דאָס איז הערלעכקייט.

פּרץ דאָס איז לעבן — ווער עס האָט אים געקענט, דער חייסט, וואָס די ווערטער הייסן. וואו פּרץ האָט זיך געפונען, דאָרט האָט אַלץ אויפגעבליט, דאָרט איז אַלץ אויפגעפרישט געוואָרן, ווי נאָך טוי און רעגן; וואו פּרץ איז געווען, דאָרט האָט דער טויט געמוזט אָפּטרעטן, דאָרט איז פאַריאָגט געוואָרן זיין שאָטן. פּרץ האָט איינפאַך דעם טויט נישט גורס געווען. אָדער איך אָדער דו — דאָס איז געווען זיין דעוויז צום מלאך המות, און ער האָט מיט אים נישט געוואָלט מאַכן קיין שותפות

און פּרץ איז גלויבן: דער בלינדער גלויבן. וואָס בלינ־דער איז דער גלויבן, אַלץ טיפער איז ער, ער האָט געעפנט אונזערע אַלטע הייליקע ביכער, ער האָט איינגעזויגן אין זיך די נשמות פון אַלע די, וואָס האָבן געלעבט פאַר אים. און אפשר אַליין נישט וויסנדיק דערפון — האָט ער זיך דורכגענומען מיט זייער טיפן גלויבן, מיט זייער פלאַמיקער אמונה. אין וואָס? — דאָס איז נישט וויכטיק. פּרץ איז געגאַנגען אויף אַנדערע וועגן, ער איז געווען דער פאַרקינדיקער פון אַ וועלטלעך יידישקייט, ווייט פון די אַלטע טראַדיציעס, אָבער גייענדיק אויף אַנדערע וועגן, האָט ער מיט זיך מיטגענומען דעם הייסן גלויבן, אַז עס וועט

קומען און מוז קומען אַ גאולה און ישועה, נישט צו וויסן אפשר געגוי, וואָס דאָס איז פאַר אַ גאולה און ווי אַזוי די ישועה וועט אויסזען. דער אַפּיקורוס פּרץ, דער אויסלאַכער פּרץ, איז נישט מער ווי דער קאַפּריז פון אַ דיכטער, אַ פאַרבייגייענדיקע שטימונג; פּרץ דער מאמין, פּרץ דער גלויבער — דאָס איז דער דיכטער אַליין.

און אין די לעצטע יאָרן פון זיין לעבן האָט דער גלויבן אָנגענומען אַ באַשטימטע פאָרם און אַ פּרוכטבאַרע: דאָס איז געווען דער גלויבן אין די שאַפנדיקע כוחות, וואָס שלומערן נאָך אין די טיפענישן פון אונזער פאָלק, ביי די געזונטע פאָלקס־מאַסן.

און הערלעכקייט איז געווען פּרץ. אין זיין קעגנוואַרט איז קיין אָרט נישט געווען פאַר קליינלעכקייטן. הערלעך איז ער געווען אין זיין לעבן, אין זיין שאַפן, און הערלעך מעטעאָריש איז געווען זיין טויט.

מיר פאַרזאַמלען זיך איצט אַרום זיין קבר און מיר זאָגן קיין קדיש נישט, און מיר זינגען נישט קיין קלאָג־לידער. זעט: אויף דעם דאָזיקן אָרט, פאַר טויט און פאַרגענגלעכקייט באַשטימט, בליען איצט די ביימער, דאָס לעבן באַנייט זיך, אָט איז דער בעסטער הימן פאַר פּרצן, דער בעסטער קדיש, וואָס ווערט געזאָגט נאָך אים, פון אונז און פון דער נאַטור.

ביי דיין קבר, גרויסער דיכטער, פאַרזאַמלען זיך איצט די מאַסן פון די גלויביקע אָן יידישן פאָלק, אָן זיינע שאַפנדיקע כוחות, און צוזאַמען מיט דיר — נישט צו טרויערן און נישט צו וויינען — נאָר צו זינגען אַ הימן צום לעבן, צו דעם אייביק זיך באַנייענדיקן לעבן.

דער גייסט פון באַנייאונג רעדט צו אונז פון דעם הייליקן נאָמען... י. ל. פּרץ!

ער פעלט אונז!

כרייסט מיין פאָלק, עס דאַרף די טרייסט.

עס איז געווען, ווי היינט, אָנהויב פרילינג. דאָס מענטשלעכע האַרץ האָט שוין אַזאַ נאַטור, אַז ס'מוז באַהאַלטן ערגעץ אין אַ ווינקל אַ פונק פון האָפענונג, ווי לאַנג עס קלאַפּט נאָך.

אָבער פּרצס האַרץ האָט מער נישט געשלאָגן. דער טויט האָט אים פּלוצלינג, אומגעריכט, אַרויסגעריסן פון אונז אין מיטן פון די שווער־ע, פון די שווערסטע צייטן. און מיר האָבן זיך געשלעפּט דורך הינטער־גאַסן — אַן עדה יידן פון הונדערט טויזנט מענטשן, גאַנץ וואַרשע, קינד און קייט, — נאָך זיין לויה.

אַ שלאָס האָט געהאָנגען אויפן מויל. מען האָט נישט געדאַרפט רעדן. דער פּאָליציימייסטער האָט נישט דערלויבט. דער מאַרשרוט איז געווען אָנגעצייכנט. באַליידיקט און נידערגעשלאָגן האָט זיך די גרויסע עדה באַוועגט, און אַ שונא־ישראל האָט זיך פאַרגלוסט, איז ער אַריין מיט אַן אויטאָמאָביל אין מיטן פון דער מענגע טרויערנדע מיט די אַראָפּגעלאָזטע קעפּ פאַר צער און... פאַר בושה.

און — גאָרנישט.

עס איז געווען, ווי היינט, אָנהויב פרילינג, און פרץ איז געווען טויט.

עס האָט דעמאָלט געהאָנגען איבער יידישע קעפּ די שאַרף פון דער שווערד. מען האָט געיאָגט פון די שטעט, מען האָט געהאָנגען. איובס בשורות זענען אָנגעקומען יעדן טאָג. אויך אויף וואַרשע האָט מען געשמועסט, זאָל אויסגעגאָסן ווערן דער ביטערער צאָרן. דריי מאָל הונדערט טויזנט יידן וועלן זיך מוזן לאָזן אין וועג אַריין מיט זייערע קראַנקע און זייערע קליינע

קינדער, אַזוי ווי דאָס איז שוין געשען אין אַנדערע שטעט... פאַרניכטונג... אויסראָטונג...

און פּרץ, וואָס האָט זיך אַזוי דורכגענומען מיט די שווערע צייטן, אַז דער גלאַנץ פון זיינע אויגן האָט זיך געביטן, וואָס האָט זיך געפּאָרעט אַרום די אָרעמע קינדערלעך פון די אַרויס־געטריבענע, איז געלעגן טויט.

ער האָט געפּעלט — אויף זיין אייגענער לויה: אויף דער ריזיקער שטומער דעמאָנסטראַציע פון די צענדליקער טויזנטער.

ווייל, ווי שוין געזאָגט, דאָס מענטשלעכע האַרץ האָט שוין אַזאַ נאַטור, אַז ס׳מוז באַהאַלטן ערגעץ אין אַ ווינקל אַ פונק פון האָפענונג. אויך דעמאָלט האָט מען געוואַרט. עפּעס ציטעריקס איז געלעגן אין די אַלע פּורעניותן. מען האָט עס נישט געקאָנט אָנרופן מיטן נאָמען. וואָס? אַ נייע וועלט זאָל געבוירן ווערן, זאָל זיך אויסוויקלען פון די שוואַרצע צרות אַרויס? — עס וועט קומען, און עס וועט קומען. איין גאָט ווייסט וואָס, און מיר וועלן עס נישט דערלעבן... אָבער דאָס אַלטע וועט ווערן אָפּגעשווענקט.

אַלאַ פּרץ.

ווייל אַזוי איז ער געווען זיין לעבן־לאַנג: אַ האָפער, וואָס האָט קיינמאָל נישט געוואוסט צו וואָס ער האָפט; דער פיינט פון נעכטן, דער פאַרבענקטער נאָך אַ מאָרגן; אַ גלויביקער, וואָס האָט זיין גלויבן נישט געקאָנט אָנרופן מיטן נאָמען; דאָס ציטעריקע, אומבאַשטימטע, דאָס קוים־געאָנטע — דאָס איז געווען זיין עלעמענט.

* * *

צען יאָר זענען שוין אַריבער נאָך זיין טויט, פון די גרויסע געשעענישן, פון די צרות און פּורעניותן האָבן זיך אויסגעוויקלט נייע שווערע צייטן, און עס איז אָנהויב פרילינג. און מיר גייען פייערן דעם אָנדענק פון י. ל. פּרץ — און אויך איצט, אויף דער פייערונג צו זיין נאָמען — פעלט ער אונז.

עס פעלט דער, וואָס האָט פאַרמאָגט די פאַרהוילענע קונסט

צו וועקן הערצער מיט אַן אומבאַשטימטקייט, וואָס האָט גערעדט צום געפּאַלענעם געמיט נישט דורך אַרגומענטן און גוטע צוזאָגן, נאָר מיט די ווערטער:

טרייסט מיין פאָלק, עס ד אַ ר ף די טרייסט.

ווייל — דער רבי האָט געהייסן פריילעך זיין.

דער אָפּטימיזם, וואָס זאָגט גאָרנישט צו און פילט אויס די גאַנצע פוסטקייט פון דער וועלט; דער אָפּטימיזם, וואָס איז די פאַרקערטע זייט פון דער גרעסטער פאַרצווייפלונג. נאַציאָנאַל־יידיש איז ער, דער אָפּטימיזם, דער כוח פון דערהאַלטונג, וואָס ליגט אין דער ראַסע.

ער פעלט אונז איצט.

מיר דאַרפן איצט די טרייסט נאָך מער ווי אַמאָל.

די רעוויזיע פון פּרצס שאַפן*)

I.

חסידות און חסידותניקעס.

מיך וואונדערט איינגאַנצן נישט, וואָס די ליטעראַרישע קיבעצאַרניע האָט זיך איצט גענומען צו פּרצן, אים אַרונטערצורייסן. דאָס האָט געמוזט קומען — אָט די „רעוויזיע פון פּרצן״, נעכטן, היינט, מאָרגן, צי איבערמאָרגן: יעדע מינוט און יעדע שעה האָט דאָס געקאָנט פּאַסירן, ווייל די צופעליקייט און דער קאַפּריז זענען נישט אָפּהענגיק פון דער צייט, נישט פון קיין איבערלעבונג. אָט אַזוי זיך: פּרץ האָט נישט געהאַט קיין הומאָר, אָדער ווייס איך וואָס האָט ער נישט געהאַט. . . וואָלטן מיר געהאַט אַ דאָסטאָיעווסקין, וואָלטן זיך ביי אונז, לויט דעם טאָן, וואָס הערשט אין דער ליטעראַטור, גאַנץ זיכער געפונען אַמאַטאָרן אים אַרונטערצורייסן און דורכפירן „די רעוויזיע פון דאָסטאָיעווסקין״. עס לאָזט זיך אַ סך זאָגן דערפאַר, למשל: דאָסטאָיעווסקי איז געווען נישט אַרטיסטיש צעצויגן.

די פאַרהערלעכונג פון פּרצן איז נישט געווען באַגרינדעט אויף מיטלעבן, דורכלעבן דעם דיכטער, און די „רעוויזיע״, פאַרשטייט זיך, איז נישט באַגרינדעט אויף איבערלעבונגען. עס איז אַלץ „הוילע פילאָסאָפיה״.

ווער איז שולדיק אין דער „רעוויזיע״? פּרץ? — זיין קונסט, דאָס, וואָס ער האָט געשאַפן, שטייט הויך און וועט געוויס איבערלעבן אַ סך דורות. און דאָך איז פּרץ אַליין אויך אַ ביסל שולדיק,

---

*) די לעצטע ליטעראַרישע אַרבעט פונם פאַרשטאָרבענעם שריפטשטעלער.

ווייל אויף וויפיל פרץ איז געווען אַ יידישער אינטעליגענט, האָט ער זיך אַליין פּונקט אַזוי שלעכט פאַרשטאַנען, ווי די יידישע אינטעליגענץ. דער הויפּט-שולדיקער בלייבט די יידישע אינטעליגענץ, בעסער געזאָגט, די יידישע אינטעליגענטישקייט. וואָס האָט קיינמאָל, אויסער עטלעכע אויסנאַמען, נישט קיין אינערלעכע שייכות צו דער קונסט פון אַ דיכטער. פרץ אַליין האָט מיט-אינטעליגענטעוועט.

ווען ער איז נישט געווען קיין דיכטער, ווען זיין בלינדע, שטאָק-בלינדע, אינטואיציע האָט אים פאַרלאָזט, דעמאָלט איז ער געווען, ווי „איינער פון אונז" און טיילמאָל — נאָך ערגער. ווייל די דאָזיקע אינטעליגענטישקייט האָט אים געקרוינט פאַר אַ רבין, זיך אַליין — פאַר חסידים. פרצן האָט מען אַרויפגעזעצט אַ ספּאָדעק אויפן קאָפּ, זיך אַליין האָט מען אָנגעטון שטריימלעך, און עס איז אַוועק אַ גאַנג מיט „חסידות", וואָס ס'האָט זייער דערנערט די אייגנליבע פון דיכטער, וואָס האָט שוין דעמאָלט אַריבערגעשריטן דאָס פופציקסטע יאָר פון זיין לעבן, — די געפערלעכע עלטער, ווען אפילו שטאַרקע אין גייסט נויטיקן זיך אין אַ ביסל חניפה. ..

פרץ אַליין האָט געהאַט גענוג סאַרקאַזם אין זיך, גענוג קריטישן בליק, גענוג אַרטיסטישן געשמאַק, גענוג חשק אויף אָפּצולאַכן אַלאַ היינע, ער זאָל נישט זען די גאַנצע לעכערלעכקייט און די אויבערפלעכלעכקייט פון דעם „קולט פאַר חסידות", מיט וואָס אונזער אינטעליגענטישקייט האָט זיך געקוויקט צוויי צענדליק יאָר צייט, און איז נאָך עד-היום נישט פריי דערפון. אָבער פּאָעטן ווענען געגליכן צו פרויען: די קליגסטע פון זיי פאַרלירן דעם הומאָר און דעם גוטן טאָן, ווען די פאַרערער שטייען צו... דאָס האָט פּאַסירט מיט פרצן. דער „קולט פאַר חסידות" איז צוגלייך געווען דער קולט פאַרן רבין, פאַר פרצן, ווער קאָן ביישטיין אַזאַ נסיון?

אָט אויף דעם געביט, פון דעם קולט פאַר חסידות, דאַרף גאַנץ זיכער געמאַכט ווערן אַ רעוויזיע. די רעוויזיע דאַרף אָפּוואַרפן פון פרצן אַלץ דאָס, וואָס האָט אַ שייכות מיט דער אויגנפאַרגלייזטקייט, נישט-אינערלעכקייט און אויבערפלעכלעכקייט, מיט

„חסידות״; און איבערלאָזן באַדאַרף זי דאָס, וואָס איז נישט געווען צופעליק ביי פּרצן, נאָר אָרגאַניש מיט אים צוזאַמענגעוואַקסן דורך בלוט, טראַדיציע, דערציונג, און דער „שטום פּין דער צייט״, וואָס האָט ביי אים געדעדט. עס וועט בלייבן פּיל, זייער פּיל, און פּרצס נאָמען זאָל בלייבן שטיין אויף דעם שייד-וועג פון אונזער היסטאָריע, אַלס איינער פון די גרעסטע און די ערשטע.

* * *

פּרץ איז נישט דער באַשעפער פון קולט פאַר חסידות. בשום אופן נישט. ער האָט זיך געלאָזט גיין מיטן שטראָם, און ווי ער האָט זיך געלאָזט גיין מיט אַלע שטראָמען, אויב זיי זענען נאָר געווען מאָדערן, ניי און האָבן געהאַט גענוג גלאַנץ. דער ערשטער באַגרינדער פון דעם קולט פאַר חסידות איז ביי אונז געווען מ י כ ה י ו ס ף ב ע ר ד י ט ש ע ו ו ס ק י, וואָס איז אָנגעקומען אין דער העברעישער ליטעראַטור אַריין מיט דעם אויסגעשריי: „שנוי ערכין״, וואָס דאָס איז געווען אַן איבערזעצונג פון ניטשעס „אומווערטונג פון אַלע ווערטן״. אַלץ מוז אויף דאָס ניי איבערגעשאַצט ווערן. וואָס איז גוט געווען ביז איצט, דאָס איז שלעכט, וואָס שלעכט — גוט. דאָס יידישע רחמנות איז שוואַכקייט; די גויאישע רציחה איז שטאַרקייט, א. אַ. וו. צווישן די אומגעקערטע וועלטן האָבן זיך אויך געפונען מתנגדות און חסידות. דאָס מתנגדות איז געווען באַגרעניצטקייט, פאָרמאַליזם, דאָס חסידות האָט פּרעטענדירט צו זיין די שטים פון יחיד, די פּערזענלעכקייט, די פרייהייט. . .

דאָס איז אַ געשיכטע, אויב איך האָב קיין טעות נישט אין דאַטום, פון אַ יאָר אַכט און צוואַנציק, ווען בערדיטשעווסקיס קרייזל, צו וועלכן עס האָט געהערט אויך בעל-מחשבות, האָט אַרויסגעגעבן די „הוצאת צעירים״, קליינע דינע ביכלעך, וואָס האָבן מיט פּיל פּאַטאָס און מיט אַ ספּעציפיש-בערדיטשעווסקישן טאָן פאַרקינדיקט די בשורה פון ניטשעאַניזם ביי אונז און געפּראַוועט אים צופּאַסן צו אונזער לעבן.

פּרץ האָט נאָך פ א ר דער צייט געשריבן פון חסידישן לעבן,

אָבער אין די זאַכן, וואָס זענען געשריבן געוואָרן ביז צו יענער צייט, ווערט די אידעאָלאָגישע זייט פון חסידות נישט אונטערגעשטראָכן, דער חסידישער שטייגער ווערט באַהאַנדלט ווי אַ זשאַנר, אַ ריין־קינסטלערישער מאָטיוו, און מיט פיל גוטן הומאָר.

ביז צו יענער צייט זענען אָנגעשריבן געוואָרן „משנת חסידים" (צום ערשטן געדרוקט אין העברעיש אין „החץ"), „מספורי יוחנן המלמד" (געדרוקט, דאַכט זיך, אין „הצפירה"), „הכנסת כלה" (אין דער יידישער ביבליאָטעק) און אויך „מקובלים" (וואָס קאָן נישט באַטראַכט ווערן פאַר קיין ריין־חסידישע זאַך, ווייל די זאַך האָט צו טון מיט אַ טיפער רעליגיעזיטעט פון אַ מקובל, און דער „אדמו"ר", דער רבי, וואָס ווירקט אויף אַנדערע דורך גלויבן, פעלט דאָרט) און אַנדערע זאַכן פון קלענערן באַדייט.

עס איז גענוג נאָר אויבערפלעכיק דורכצולייענען די עטלעכע זאַכן, כדי צו זען, אַז פרץ איז דאָרט ווייט פון דער חסידישער אידעאָלאָגיע, וואָס באַהערשט אים דערנאָך, ווען ער אַקצענטירט, פאַרהערלעכט, גאַנץ באַוואוסטזיניק, נישט נאָר דאָס חסידות אַלס רעלי־גיעזע שיטה, נאָר די אדמו"רים אַליין, די „ביס אַלס די שענסטע און הערלעכסטע שטופע פון מענטשלעכקייט, וואָס איז דערגרייכט געוואָרן ביי אונז. אין די דערמאָנטע זאַכן (וואָס פאַר דער חסידישער אידעאָלאָגיע) איז פרץ אַ קינסטלער. די זאַכן זענען געהאַלטן אין אַ האַלב־פעלעטאָניסטישן טאָן, אָבער דער רעזולטאַט איז אַ הויך קינסטלערישער. פרץ לעבט דאָרט אין זיין דור. ר'איז אַ משכיל און האָט צו חסידות, ווי צו אַן אַרט פון רעליגיעזיטעט (באַוואוסטזיניק) די באַציאונג פון זיין דור. אָבער מיט אַ בלינדער אינטואיציע, אומגעריכט פאַר זיך אַליין, שילדערט ער די אינער־לעכע פולקייט, די וואַרעמקייט פון דעם מבוזהדיקן חסידל, דאָס זענען זשאַנר־בילדער פון הויכער קוואַליטעט, דורכגעזאַפט מיט אַ גוטן הומאָר. אפילו אין „משנת חסידים", וואו דעם רבינס טאַנץ ווערט געגעבן, איז עס נישט דער רבי, וואָס קומט אַרויס רעלי־גיעז געשילדערט און באַלויכטן פון קינסטלערישן ליכט, נאָר דאָס אָרימע חסידל, וואָס דערציילט די מעשה — ער איז דער העלד, ווייל אין ז י י ן פאַנטאַזיע שפילט זיך דאָס אָפּ — דאָס גאַנצע

הערלעכע בילד פונם רבין, וואָס טאַנצט און ווילן טאַנצן מיט אים מיט, און דער חתן-בחור, וואָס זאָגט תורה, און מאַכט ציטערן די בערגער פון דער וועלט און די צעדערן פון לבנון. ער איז זייער ענלעך צו ר׳ יוחנן המלמד, אַ פּשוטער מענטש, נישט קיין גרויסער קענער; „איר ווייסט דאָך — זאָגט דער דערציילער אַליין פון דער מעשה — אַז איך בין נישט קיין גרויסער למדן". און מיר מוזן צוגעבן — קיין גרויסער חכם איז ער אויך נישט. אַזוי ער, ווי ר׳ יוחנן המלמד, זענען ביידע נישט קיין „העלדן". אָבער פּרץ האָט אין זיי אַנטדעקט די וואַרעמקייט און די פּאָעזיע, וואָס לעבט ביי די פאָלקס-מענטשן פון פאַרשידענע אַרטן. און דאָס איבעראַשנדיקע (צו יענער צייט!) איז געווען, וואָס די וואַרעמקייט און אינערלעכע פרייליכקייט פליסן דאָרט פון אַ קוואַל, וואָס אַלע (פּרץ אַליין אויך) האָבן זיך פון אים אָפּגעקערט, ווי פון עפּעס גיפטיקס, שמוציקס, וואָס האָט אַבסאָלוט קיין שום ווערט נישט און האָט קיינמאָל קיין ווערט נישט געהאַט — פון דער י י ד י ש ע ר ר ע ל י ג י ע ז י ט ע ט. דאָ איז פּרץ געשטאַנען אין שאַרפסטן קאָנטראַסט צו זיך אַליין, ווייל ער אַליין איז געווען אַ משכיל, דאָס קינסטלערישע אומבאַוואוסטע אין אים, האָט מוראדיק געשלאָגן זיין באַוואוסטזיין, און ער האָט דאָס אפילו נישט געמערקט.

ווען איר לייענט דורך די דערמאָנטע זאַכן, ווי אויך „הכנסת כלה" אָדער די סצענע „אין קעלער", דאָרט, ווו דער מלמד מיט זיין יונג ווייבל לעבן (פון דעם וועט נאָך אויסקומען צו רעדן), האָט איר גאָר צום ערשטן אַ קינסטלער, וואָס שטייט הויך איבער דעם געמאָלטן, לאַכט אַביסל אָפּ פון אים, אָבער אָן סאַרקאַזם, נאָר מיט אַ טיפער מענטשלעכקייט. און ער געפינט ביי די קליינע מענטשעלעך, די נאַרישע חסידימלעך, וואָס אפילו אין זייער אייגענער סביבה צייכענען זיי זיך מיט גאָרנישט אויס (יוחנן המלמד איז אַן אָרעמער מלמד, וואָס רעדט מיט גרויס דרך-ארץ וועגן זיין ברודער, און דאָס חסידל פון „משנת חסידים" איז אינגאַנצן אַן אומבאַדייטנדיק מענטשל) — אין זיי געפינט ער אַן ערנסטקייט,

אַ דערהויבנקייט איבערן וואָכעדיקן לעבן. אַ האַרציקע וואַרעמקייט, וואָס מאַכט אייך די מענטשן אַזוי נאָענט און ליב.

דאָס איז נישט קיין „חסידות" — נישט דאָס דאָזיקע איבער־געקייטע שטרוי, וואָס אונזער אינטעליגענטישקייט האָט אַזוי געשמאַקעוועט צוויי צענדליק יאָר צייט. אין דעם דאָזיקן „קולט פאַר חסידות" פעלט דערנאָך אינגאַנצן דער הומאָר, דער אוממיטל־באַרער טאָן ווערט פאַרלוירן, און עס באַקומט זיך בכלל עפּעס אַ ווילד־משונה אַרט דענקען.

ווייל „חסידות" און „מתנגדות" ווערן מער נישט באַטראַכט אַלס אָפּגעלעבטע זאַכן, וואָס האָבן פאַר אונז, וואָס מיר זענען דאָך מענטשן אָן רעליגיע, מער נישט קיין שום פּראַקטישן, אַקטו־עלן ווערט, ווייל ביידע זענען זיי דאָך נאָר פאָרמען פון אַ רעליגיע־זיטעט, אַ גלויבן אין אַן אָנפּירנדער האַנט, וואָס באַשטראָפט און באַלוינט — אַ רעליגיעזיטעט, אַ וועלט־באַנעמונג, וואָס איז פאַר אונז טויב. און ממילא קאָן די אָדער יענע פאָרם פון דער רע־ליגיעזיטעט פאַר אונז נישט האָבן קיין שום רעאַלן באַדייט.

II.

די יידישע אינטעליגענטישקייט כאַפּט זיך אָן אָן דעם „חסידות" שיר נישט ווי אָן אַן אַנטפּלעקונג, ווי אָן אַ רעטונג פון יאוש, אָן אויפפרישונג פון אונזער גייסטיקייט. זי נעמט זיך פויקן וועגן דעם „חסידות" מיט דער ספּעציפיש־יידישער היסטעריע און ווייזט אַרויס נישט נאָר איבערפלאַכקייט, נאָר אַ היפּשע דאָזע נישט ריין געוויסן. זי פאַרטויבט זיך אליין.

די יידישע אינטעליגענטישקייט אָפּערירט מיט דעם „חסידות", ווי מיט אַן אַקטועלן ענין!

די אומפּאַרטייאישע אינטעליגענץ כאַפּט זיך אָן אָן „חסידות", ווי אָן אַ דאָגמע פון גלויבן. עס קלעקט איר די נעפּלדיקע אמונה אין „חסידות" אויף נישט צו באַדאַרפן ברעכן זיך דעם קאָפּ איבער די אַלע שווערע פּראָבלעמען פון לעבן. געווען אפילו אַ קורצע עפּאָכע, אַ יאָר פינף האָט זי געדויערט (אין דער זעלבער צייט איז

ביי די רוסן געווען אין מאָדע די „רעליגיעזע זוכענישן"), ווען דער קריטישער געדאַנק איז געלעגן אַזוי ווי אין חרם. נישט נאָר דער פאָרמעלער, טרוקענער געדאַנק איז אָפּגעשאַפט געוואָרן אַלס „מתנגדות", נאָר דאָס דענקען בכלל איז געוואָרן עפּעס אַן איבעריקע זאַך. אויף דעם באָדן, פאַרשטייט זיך, האָט געקאָנט גע־דייען די קליינקעפּלדיקייט, די פאַלשקייט; אַלערליי פּוסטע־פּאַס־ניקעס מיט פאַרגלייזטע אויגן און מיט פרומע חסידישע פראַזן האָבן געהאַט אַ גרינג לעבן. וואָס פרץ האָט דאָס גערולדעט, און גערולדעט האָט ער דאָס האַרט נעבן זיך — דאָס איז זיין זינד, זיין שוואַכקייט, זיין אינערלעכע געבראָכנקייט, וואָס האָט געזוכט אַן אָנשפּאַרעניש...

נאָך מער מוז מען באַוואונדערן דעם פאַקט, וואָס אויך אַ טייל פון דער פאַרטייאישער, אויף מאַרקס לערע דערצויגענער אינטעליגענץ, האָט זיך אויך פאַרנומען מיט חסידות. צום לויב פון די אָנפירער פון מאַרקסיזם ביי אונז, יידן, דאַרף איך זאָגן אַז מיט אַ נאַטירלעכן חוש האָבן זיי געפונען פאַר נויטיק צו האַלטן זיך פון דערווייטן. אָבער די גרויסע מאַסע פון די דורכ־שניטלעכע מאַרקסיסטן האָבן, נישט־וועלנדיק גילטן פאַר אָפּגעשטאַ־נענע, נישט־מאָדערנע מענטשן, דעם שפּיל מיטגעשפּילט. איך רעד שוין נישט דערפון, וואָס די רעליגיעזיטעט איז דאָך פון דעם מאַרקסיסט באַקעמפט געווען, נאָר אפילו דאָס „חסידות" און זיין אויסלייגונג אויף דעם קולט פאַר דער פערזענלעכקייט, פאַר דעם פירער, באַדאַרף דאָך דעם סאָציאַליסט נישט זיין צום האַרצן, ווייל ער באַגרינדעט אַלץ אויף דעם קאָלעקטיוו, אויף די מאַסן, אויף דער גלייכקייט פון מענטשן. אָבער ס'איז צו יענער צייט, די טונקעלע צייט פון נאָך דער ערשטער רוסישער רעוואָלוציע אין יאָר 1905, נישט גע־ווען צו פרעגן קיין קשיות. אַזוי ווי עס האָט זיך געקריסטלט, אַזוי האָט זיך געיידלט. אויך ביי די רוסן, וואָס אונטער זייער השפּעה איז אונזער גייסטיקייט געשטאַנען, האָט זיך געפילט אַ מידקייט פון טראַכטן, אַ חשק „צו טויטן דעם פאַרשטאַנד", און אַ נזערע דורכשניטלעכע מאַרקסיסטן זענען געוואָרן צוגלייך פייערדיקע חסידים... פאַרשטייט זיך, זיי האָבן זיך אויסגערעדט, אַז דאָס

„חסידות" איז גילטיק פאַר זיי נאָר אויפן געביט פון דער קונסט, נישט פון דער פּאָליטיק. אָבער אין דעם אויסרייד און באַוואָרעניש איז געלעגן טאַקע די קליינק פּלדיקייט און דאָס נישט ריינע גע־וויסן, ווייל ס'איז לעכערלעך, ס'איז אַ פּסיכאָלאָגישע אוממעגלעכקייט, ווען מען וויל אַזוי צעטיילן די אייגענע נשמה אויף צוויי: איין פּנים אירס געווענדט צו אַ פאַרנעפּלטן ראָמאַנטיזם, מיט רעליגיעזע איבערלעבונג־רעשטלעך, מיט אַ העלדן־קולט, מיט מיסטיציזם; און דאָס צווייטע פּנים — דאָס פּאָליטישע, זאָל זיין געווענדט צו דער זייט פון עקאָנאָמישן מאַטעריאַליזם און קאָלעקטיוויזם. דאָס איז אויבערפלאַכקייט, געוויינלעך איז עס — אַליין־אָפּנאַרעריי.

דאָס, וואָס איך האָב געמיינט מיט די ווערטער:
דאָס נישט ריינע געוויסן פון דער יידישער אינטעליגענ־טישקייט.

וואָלט מען דאָך געמיינט, אַז דער ענין פון פאַרהערלעכן דאָס „חסידות" איז אַן אָריגינעל יידישער מאָטיוו, וואָס האָט גע־קאָנט אויסוואַקסן נאָר אויף אונזער היימיש באָדן, דאָס וואָלט, פאַרשטייט זיך, זייער פאַרגרעסערט דעם ווערט פון דער גאַנצער באַוועגונג, איז דאָס אָבער אַ גרויסער היסטאָרישער טעות.

דער זעלבער ויכּוח, וואָס פירט זיך ביי אונז צווישן „מתנגדות" און „חסידות", איז נישט מער ווי אַ ווייטער אָפּקלאַנג פון דעם רעליגיעזן דיספּוט, וואָס פירט זיך אויף דער ברייטער וועלט. אויך דאָרט ווערט ער געפירט נישט פון די רעליגיעזע מענטשן אַליין, ווייל קאַטאָליקן און פּראָטעסטאַנטן פירן נישט אויף אַזאַ אופן די פּאָלעמיק — זיי באַקעמפן זיך, און אין געוויסע צייטן פון דער היסטאָריע האָבן זיי איינע די אַנדערע געשאָכטן. דער דיספּוט ווערט אויך דאָ, אויף דער ברייטער וועלט, געפירט צווישן די אינטעלעקטועלע, די נישט־גלויביקע, וואָס האָבן צוביידע רעליגיעס נישט מער קיין אַקטועלע באַציאונג. געוועז אַ צייט, ווען די נישט־גלויביקע אינטעליגענץ האָט געהאַלטן, אַז פאַרן פּראָסטן פאָלק מוז מען האָבן אַ רעליגיע, די נישט־גלויביקייט איז די פּריווילעגיע פון די „אויסדערוויילטע", די אינטעליגענטן. ווען די מאַטע־

ריאַליסטישע וועלט־אָנשויאונג האָט געהערשט אין אייראָפּע. האָט די אינטעליגענץ פאַרהערלעכט דעם פּראָטעסטאַנטיזם, וואָס איז ווייט פון נסים. ווען אין אייראָפּע קומט אָן די רעאַקציע קעגן דער טרוקענער מאַטעריאַליסטיש־מעכאַנישער באַנעמונג פון דער וועלט, ווען דאַרווין און באָקל באַפרידיקן נישט מער די גייסטער, וואַרפט זיך די אינטעליגענץ איבער אויף דער זייט פון קאַטאָליציזם, וואָס גיט מער באַפרידיקונג דעם האַרץ, וואָס דערהויבט, וואָס גיט שטימונג און וואָס איז פאָלקסטימלעך.

עס קומט אויס צו ציטירן פּרצן אַליין. ער שרייבט אין איינעם פון זיינע פריערדיקע פעליעטאָנען וועגן די גייסטיקע שטרעמונגען ביי אונז:

ס'איז געווען אויפן ים אַ שטורעם, אַ גראַנדיעזער, אַ מעכ־טיקער, און ער איז שוין לאַנג פאַרביי. איצט ליגט ער רואיק, דער ים. אָבער ערגעץ אין אַ הייל צווישן די פעלזן ביים ברעג, וואַרפט זיך איצט דאָס ביסל וואַסער, ווייט פון זון און ברייט־קייט, — ערשט איצט איז דער שטורעם אַהינגעקומען (איך ציטיר לויט מיין געדעכעניש, נישט ווערטלעך).

דאָס האָט געטראָפן מיט אונזער חסידות־באַוועגונג. אַ וויי־טער אָפּקלאַנג איז עס געווען פון דעם שטורעם אין דרויסן, פון דער רעאַקציע (אין אייראָפּע) קעגן מאַטעריאַליזם, — און אַ פאַרשפּעטיקטער אָפּקלאַנג איז עס געווען — ווייל אויך ביי אונז יידן, שלאָגט ווידער שטאַרק די כוואַליע פון סאָציאַליזם, וואָס איז באַגרינדעט אויף דער מאַטעריאַליסטישער וועלט־באַנעמונג.

* * *

די דינע ביכלעך פון „הוצאת צעירים" ווערן געלייענט פון נאָר אַ קליינער צאָל אינטעליגענטן. זיי מאַכן אַן איינדרוק נאָר אויף געציילטע מענטשן. און אַזוי ווי בערדיטשעווסקי פריידיקט גאָר צום ערשטן די אידעען פון ניטשע, די אידעע פון „ספר וסייף" (דאָס בוך און די שווערד), אַז די שווערד האָט מער באַ־דייט, ווי דאָס בוך; אַזוי ווי ער קומט דאָך מיט דעם אויסגעשריי: „שנוי ערכין", דאָס איבערשאַצן פון אַלע ווערטן — איז אים

גישט באַשערט געווען צו בלייבן דער פריידיקער פון חסידות", וואָס דאָס איז ביי אים געווען נאָר אַ טייל פון זיין ניטשעאַנישער פריידיקט.

פרצן האָט בערדיטשעווסקי מיט זיין נייער שטעלונג צו „חסידות" געטראָפן צום סאַמע האַרץ. האָט ער דאָך, דער דיכ־טער פרץ, אַזוי אוממיטלבאַר און אַזוי שטאַרק, פון זיין טיפער קינדהייט אָן, ווען ער האָט זיך געדרייט אויף דער גאַס און גע־הערט דאָס זינגען און טאַנצן פון די חסידים (זע פרצס זכרונות וועגן זיך), געפילט די אינערלעכקייט, דעם לעבנס־אינהאַלט, די גייסטיקע פולקייט און גאַנצקייט פון דעם חסידישן עולם! מיט רעכט האָט ער געטראַכט, אַז בערדיטשעווסקי האָט אים נאָר אַרויס־געכאַפּט די ווערטער פון מויל, האָט פאָרמולירט, וואָס ער האָט שוין לאַנג געוזען, מיטן גאַנצן אימפעט פון זיין בישט־געזעצטער נאַטור, מיט דעם אימפעט פון אַן עלטערן מענטש, וואָס איז פאַרבליבן יונג און יינגליש, מיט דעם אימפעט פון אַ מענטש, וואָס אַנטלויפט זיין לעבן־לאַנג פון פאַרצווייפלונג און פון פוסטקייט — כאַפּט ער זיך צו אַן „חסידות", און עס איז אים באַשערט צו זיין דער פריידיקער פון חסידות ביי אונז.

אָבער צי האָט פרץ, דער דיכטער, עפּעס געוואונען פון דער נייער לערע, פון דער נייער אמונה?

לויט מיין מיינונג, האָט ער גאָרנישט געוואונען, און פאַר־לוירן האָט ער אַ סך.

אין די נייע חסידישע זאַכן, וואָס ער נעמט שרייבן מיט אַזאַ מיט און אַ ברען, האָט ער קודם־כל פאַרלוירן דעם נאַ־טירלעכן הומאָר זיינעם. ער ווערט שטאַרק ערנסט. ער שטרייכט אונטער, ער שרייבט אויף דער טעמע „חסידות".

די ערשטע זאַך, וואָס מיט איר הויבט זיך אָן די נייע עפּאָ־כע פון זיין שאַפן, איז די „גאָלדענע קייט". די „גאָלדענע קייט" איז דורכגעגאַנגען פיל גלגולים. זי איז צום ערשטן מאָל געשריבן געוואָרן אויף העברעיש אין גאַנץ געוויינלעכער פּראָזע און איז געדרוקט געווען אין „השלוח" אונטער דעם נאָמען „חורבן בית צדיק". דערנאָך ערשט איז זי איבערגעאַרבעט געוואָרן אויף יידיש,

אויך אין פראָזע, און געהייסן האָט זי, דאַכט זיך, „דער נסיון", און איבערגעאַרבעט געוואָרן איז זי — אַ פּאָר מאָל, ביז צום סוף איז זי אַרויס אין ריטמישע פערזן, מיטן נאָמען „די גאָלדענע קייט". דאָס איז געשען, איך געדענק דאָס אַזוי ווי איצט, אויף דער דאַמף-שיף פון ווארשע קיין פלאָצק. געווען אַ הייסער זומער-טאָג. מען איז געפאָרן אויף אַ פאַרלעזונג. פּרץ איז געזעסן אויפן דעק און האָט געהאַט פאַר זיך אויף אַ טישל די צעוואָרפענע בלעטער פון דעם פראָזאַישן „נסיון". און ווען מיר זענען אָנגעקומען קיין פלאָצק — אַ נסיעה פון אַ שעה 6 — 7, איז די „גאָלדענע קייט" געווען פאַרטיק. זי איז געשריבן געוואָרן אויף אויפגעפירט צו ווערן אויף דער סצענע.

III.

פּרצס פּיעסע „די גאָלדענע קייט" איז נישט באַשערט געווען אויפגעפירט צו ווערן (און עס איז נישטאָ קיין סך צו באַדויערן), פאַר דאָס אָבער איז איר באַשערט געווען צו ווערן די אור-שריפט פון אַלע אונזערע „חסידותניקעס" (אונטערצושיידן פון „חסידים"), ווייל דאָ האָבן זיי געפונען פאָרמולירט אין פּאַטעטישע פערזן די גאַנצע אידעאָלאָגיע...

ווי געזאָגט, איז קיין שפּור מער נישט געבליבן אין דעם ביינעם חסידישן ווערק פון גוטן הומאָר. דער רבי ווערט געשילדערט ווי אַ העלד, ווי אַן איבערמענטש, און מיטן גאַנצן ערנסט ווערט ער פאַרהערלעכט. ווי איינער, וואָס שטייט הויך-הויך איבער אַלדינג. עס ווערט באַשאַפן אַרום דעם רבין אַ פאַרנעפּלטע אַט-מאָספערע פון „ישישים" און „זקנים", וואָס באַדאַרפן אויף אונז אָנצוואַרפן די מיסטישע שרעק...

איך מוז זאָגן, אַז פּרץ האָט גאַנץ גוט געטון, וואָס ער האָט דאָס ווערק גאָר צום סוף איבערגעאַרבעט אין פערזן. אין ערשטן אַקט האָט ער דערמיט דערגרייכט אַ געוויסע קראַפט פון אויסדרוק, אַ געפליגלטקייט פון דער שפּראַך, וואָס איז זייער ווערטפול פאַר אַ ליטעראַטור. אין זיינע פאַרשידענע ערשטע פּראָזאַישע

פאָרמען האָט דאָס טעאַטער־שטיק קיין שום ווערט נישט געהאַט. סצעניש איז עס נישט געווען. און קינסטלעריש איז עס געווען זייער און זייער שוואַך. עס האָט נישט איבערגעצייגט. דער „חורבן בית צדיק" אין „השלוח" האָט אויף קיינעם קיין שום איינדרוק נישט געמאַכט, און האָט נישט געקאָנט מאַכן.

אין דער נייער איבעראַרבעטונג אין פערזן באַקומט דער ערשטער אַקט אַ ווערט צוליב דער שטאַרקייט פון פערז. די גאַנצע סיטואַציע, די האַנדלונג רירט אונז נישט. ווען דער זון ר' פנחס מאַכט אַ הבדלה, טראָץ דעם וואָס דער העלד, זיין פאָטער ר' שלמה, האָט זיך איינגעשפּאַרט נישט צו מאַכן קיין הבדלה, איז פאַר אונז גאָרנישט געשען. דער עפעקט לאָזט אונז קאַלט, ווייל אונז פעלט די אמונה, אַז ר' שלמה האָט מיט זיין „נישט מאַכן קיין הבדלה" טאַקע אָפּגעשטעלט דאָס גיהנום, עס זאָל נישט ברע־נען, אַזוי ווי עס ווערט דערציילט אין דער דראַמאַטישער פּאָעמע. און — נאָכמער ! אונז פעלט די אמונה, די איבערצייגונג, אַז ר' שלמה אַליין איז טאַקע זיכער דערין, אַז נישט־מאַכנדיק קיין הבדלה, האָט ער אָפּגעשטעלט די וועלט אין איר גאַנג. ס'זענען דאָך סוף־כל־סוף נאָר ווערטער, שטאַרקע, געפליגלטע, וואָס ר' שלמה אַליין זאָגט... נו, אַ מענטש האָט וויזיעס, האַלב גלויבט ער, האַלב מאַכט ער זיך אַליין גלויבן אין דער „זעונג", וואו ס'איז אַלץ נאָך נישט קיין מאַטעריאַל, וואָס זאָל אונז דערשיטערן, ווען די וויזיע ווערט איבערגעריסן. וויזיעס פון וויזיאָנערן מוזן דאָך אַמאָל איבערגעריסן ווערן.

דער ריין־קינסטלערישער ווערט (אפילו פון ערשטן אַקט) איז זייער פּראָבלעמאַטיש, ווען נישט די שטאַרקייט און די אויס־דרוקספולקייט פון די פערזן. מיר בלייבן קאַלט ביי דעם „קנאַל־עפעקט" פון אָנצינדן ליכט קעגן דעם ווילן פון צדיק. ר' שלמה אַליין בלייבט סוף־כל־סוף אַ שאָטנדיקע פיגור : מיר הערן אים רעדן, און מיר זען אים נישט לעבן.

אָט ווי פּרץ שילדערט אים (אין די רימאַרקן, וואָס זענען געשריבן אין פּראָזע).

„שלמה — אַ זייער הויכער גראָער בלאַסער ייד, אַן אומ־

נפוויינלעך הויכער שטערן; אומגעוויינלעך גרויס געעפנטע אויגן, מיט קינדעריש-נאַיוון שמייכל איבערן איינגעשרומפּענעם, פון צער פאַרגליווערטן פּנים".

אַלץ ביי אים איז אומגעוויינלעך. די קונסט האָט ליב גראָד וואָס „געוויינלעך", אפילו דאָס „אומגעוויינלעכע" ווערט אונז אַזוי נאָענט און היימיש, אַז ס'מאַכט דעם איינדרוק פון געוויינלעכן.

„די גאָלדענע קייט" האָט שטאַרק אויסגענומען ביי אונזער אינטעליגענטישקייט, זי איז געוואָרן די אור-שריפט אירע. עס האָט אימפּאָנירט דאָס ביסל אידעישקייט, וואָס איז כאָטש אַריינגעלייגט געוואָרן אין ר' שלמהס מויל:

אויסגעלייזט פון פּיין און שרעק
מוז ווערן די וועלט.
חרוב זאָל ווערן די וועלט!
און מיר — מיר שבתדיקע,
מיר יום-טובדיקע,
מיר נשמה-יתרהדיקע יידן
וועלן איבער אירע חורבות גיין.
א. א. וו. א. א. וו...

ס'זענען אומבאַדינגט נייע פּולע אַקאָרדן, וואָס די יידישע שפּראַך האָט ביז דעמאָלט נישט אַרויסגעבראַכט. אָבער דאָס ביסל אידעישקייט איז זייער אָרעם. ר' שלמה וויל זיין שטענדיק „זינגענדיק און טאַנצנדיק"; ער וואַרפט אָפּ פון זיך יעדע מרה-שחורה: ער רופט דערצו, אַז אַ גאַנצע וועלט באַדאַרף אויסגעלייזט ווערן, און נישט יעדער פאַר זיך, מיט זיינע אייגענע זאָרגן... דאַכט זיך, דער גאַנצער אידעישער אינהאַלט איז אויסגעשעפּט.

*

עס איז נישט דאָס אָרט אין אַ קורצער אַרבעט וועגן פּרצן צו אַנאַליזירן איינס נאָך איינס די אַלע ווערק, וואָס שטייען אונטער דער אייגענער השפּעה פון דער חסידישער אידעאָלאָגיע. עס איז אויך נישט נויטיק — אַזאַ דעטיילער אַנאַליז. ער האָלט צו ווייט פאַרפירט, צו ברייט זיך פאַרנומען און קיין נייעס נישט אַריינגעבראַכט, — אַ חוץ, פאַרשטייט זיך, זייטיקע, נישט-ערשטראַנגיקע פּרטים. וואָס ס'איז דאָ געזאָגט געוואָרן וועגן דער „גאָל-

דענער קייט״ איז גילטיק אויך פאַר די איבעריקע זאַכן פון דעם שנ״ט.

אין די אַלע זאַכן ווערט דער רבי פאַרהערלעכט, אַלס אַ טרע־גער פון גרויסע אידעען; אין רבינס מויל ווערן אַריינגעלייגט ווערטער, וואָס האָבן אַזאַ ספּעציפיש יידיש־רעליגיעזן כאַראַקטער, אַז זיי קאָנען אין דער אייגענער צייט אויסגעטייטשט ווערן אויף אָנצוהערענישן וועגן ריין־מענטשלעכע אידעען, ד. ה. אַזוינע, וואָס האָבן נאָך פאַר אונז גילטיקייט. די דאָזיקע אָנצוגעהערענישן (סימבאָליזם — האָט מען דאָס געקרוינט מיטן נאָ. ען) האָבן גאָר באַזונדער אויסגענומען ביי אונזער אינטעליגענטישקייט. די פלאַכקייט האָט בטבע זייער ליב מענטשן, — אַזוי גיבן זיי שפּיין זייער ביסל גאווה.

דער פריערדיקער פּרץ פאַרלירט זיך אין דער אידעאָלאָגיע, און זיין שעפערישער גייסט ווערט געפאַנגען אין אַ נעץ, וואָס ער האָט אַליין געהאָלפן אויסוועבן. ר׳ יוחנן המלמד און די איבערי־קע נישט־העלדן פון דער פריערדיקער עפּאָכע, די לעבעדיקע מענטשן, די. וואָס אין זייער רעאַליטעט קאָן גאָר קיין שום ספק נישט זיין, די, וואָס כאַראַקטעריזירן נישט נאָר זיך אַליין, נאָר טויזנטער און צענדליקער טויזנטער, וואָס פילן, טראַכטן און לעבן אָט אַזוי ווי זיי — ווי די אָרעמע, נעבעכדיקע, אָבער אַזוי וואַרעם־געפילטע און געשילדערטע פאָלקס־מענטשן, — פאַרשווינדן אַלץ מער, כדי אָפּצוגעבן פּלאַץ דעם „אדמו״ר״, דעם איינציקן, וואָס האָט הוילע תורה און הוילע הויכע געדאַנקען, — וואָס פּריידיקט כסדר די תורה פון „חסידות״.

איין זאַך פון פּרצן, געשאַפן אין דער אייגענער עפּאָכע פון „חסידות״, דאַרף דאָ דערמאָנט ווערן, ווייל זי גיט אין אַ גע־וויסן זין דעם שליסל צו פּרצס אינערלעכקייט. צו זיין אונטער־באַוואוסטזיין, פון וואַנען זיין שעפערישע אינטואיציע שטאַמט, און ווייזט, אין וואָסער שאַרפן קאָנטראַסט די אינערלעכקייט שטייט צו זיין באַוואוסטזיין, צו זיין אידעאָלאָגיע. איך מיין דאָס הער־לעכע ווערק „צווישן צוויי בערג״, וואָס איז געשריבן אין דער אייגענער עפּאָכע.

דאָרט ווערט געשילדערט דער צוזאַמענשטויס צווישן אַ פאָרשטייער פון דער מתנגדישער וועלט, דעם בריסקער, און דעם פאָרשטייער פון חסידות, דעם ביאַלער רבין. דער ביאַלער רבי, ר' נח, איז אַמאָל געווען דעם בריסקער רבס אַ תּלמיד, אָבער ער האָט געזען עפּעס אַ חלום ביינאַכט, דער תּמצית פון דעם חלום איז געווען, אַז די תּורה פון בריסקער רב איז קאַלט אַזוי ווי מאַר־מאָר, און מען איז זייער איינזאַם מיט איר, און עס האָט אים גע־צויגן אַוועק — פאַרשטייט זיך, צו „חסידות", וואָס איז וואַרעם און עס איז אַ תּורה פאַר אַלע. נאָך לאַנגע יאָרן ווערט דער ביאַ־לער רב — אַ רבי. דער בריסקער בלייבט אויף זיין אָרט, פירט זיין ישיבה און זיין מתנגדות מיט אָן אויפגעהויבענעם קאָפּ, און האָט אָן זיין תּלמיד שוין פאַרגעסן... קאַליע געוואָרן אַ מענטש, אַוועק אויף פאַלשע דרכים, וואָס קאָן מען טון?

אָבער דעם בריסקער רב קומט־אויס צו זיין אין ביאַלע. ער הויבט זיך אָן צו פרעגן וואָס פאַר אַ רבי איז דאָס דאָ אין שטאָט, און פון די ענטפערס ווערט ער געוואָר, אַז דאָס איז זיין געוועזענער תּלמיד נח. כאַפּט ער זיך נישט. דער בריסקער רב, דער גרויסער תּקיף און פאַרביסענער ייד, און גייט אַהין צו „אים זאָל לעבן", און אינם אימפּעט פון זיין גיין פילן מיר, אַזוי ווי ער וואָלט געהאַט בדעה דעם תּלמיד צו נעמען פאַר די אויערן. עס איז גראָד שמחת־תּורה, די חסידים שפּאַצירן אין דרויסן. דער רבי זיצט אויפן גאַנעק, און דער צוזאַמענשטויס צווישן די צוויי בערג קומט פאָר: עס טרעפן זיך די צוויי וועלטן.

אין דער גאַנצער נאָוועלע איז פּרץ כּסדר באַמיט אונטערצושטרייכן די מעלות פון עם ביאַלער רבין; פאַרקערט, פילט זיך ביי אים אַ חשק צו מינדערן דעם ווערט פון בריסקער. אַזוי דערציילט ער, אַז דער בריסקער זאָל האָבן כּלומרשט גע־לאָזט אָפּגאָלן באָרד און פּאות אַ ייד, וואָס ער האָט אים חושד געווען אין „חסידות", דער ביאַלער רבי ווערט פאַרהערלעכט. אין זיין מויל ווערן אַריינגעלייגט די שענסטע ווערטער; ווען פּרץ באַשרייבט דעם שמחת־תּורה, ווערט ער סענטימענטאַל, און די וואָלקנס אין הימל פרייען זיך, און ער צעגיסט זיך אין

אַ זיסלעכער שטימונג. און ווען איר, דער לייענער, לייגט אַוועק די זאַך, געשעט אָט וואָס: דער ביאַלער רבי טראָגט זיך פאַר אייערע אויגן זייער נעפלדיק איר זעט אַ רבין, וואָס רעדט, פאַרשטייט זיך, נאָר רבישע רייד, וואָס זינגט געוויינלעך אַ ניגונדל און די חסידים כאַפּן אונטער. עס איז אַ מטושטשע פיגור, אַ סכעמע.

און דער בריסקער רב שטייט פאַר אייך אַזוי ווי פון בראָנדז אויסגעגאָסן. וואָסער הערלעכער מענטשלעכער טיפּ, וואָסער כאַראַקטער! די אַלע, וואָס פּלאַפּלען וועגן דער רעוויזיע פון פּרצן, וואָלטן זיך געמעגט אַ פרעג טון, צי האָבן מיר אין דער יידישער ליטעראַטור אַ סך אַזוינע פּלאַסטיש געמאָלטע טיפּן פון גרויסן באַדייט, פון אַ הויכער גייסטיקייט באַלעבט!

מיר האָבן שוין אויבן געזען, ווי בלאַס עס קומט ביי פּרצן אויס געשילדערט די אויסערלעכקייט פון ר׳ שלמהן אין ד „גאָלדענער קייט".

לאָמיר איצט אַ קוק טון, ווי דער בריסקער רב, גראָד דער, וואָס פּרץ איז באַמיט קלענער צו מאַכן זיין געשטאַלט, — ווי ער קומט אַרויס, כמעט קעגן פּרצס ווילן. אָט ווי ער זעט אויס:

„דאָס איז געווען אַ מענטש — אַן עמוד הברזל (אַן אייזערנע זייל), אַ הויכער הויכער ייד, אַן אימה האָט ער אָנגעוואָרפן ווי אַ מלכות! — אַ ווייסע לאַנגע באָרד, איין שפּיץ, געדענק איך נאָך ווי היינט, האָט זיך אים אַריינגערוקט אונטערן גאַרטל, דער צווייטער שפּיץ ציטערט איבערן גאַרטל... ברעמען ווייסע, דיקע, אַ חאַלב פּנים האָבן זיי אים פאַרשטעלט..."

דאָס בילד לעבט מיט איינמאָל אויף. און ס׳איז אַ מאָדנע זאַך: דער בריסקער רב, דער מתנגד, זאָגט קיין וואָרט נישט צו פאַרטיידיקן זיין מתנגדות. ער רעדט גאָר פּשוט מענטשלעכע ווערטער, טוט מענטשלעכע טאַטן, נישט אַזוי ווי דער ביאַלער רבי, וואָס זאָגט כסדר „חסידות", אַזוי ווי אַ רבי דאַרף צו זאָגן. דער רעזולטאַט, דער קינסטלערישער, איז פּונקט אַ פאַרקערטער, ווי פּרץ האָט געוואָלט: געזיגט אין זיין גרויסקייט און גאַנצקייט, געזיגט קינסטלעריש האָט דאָ דער בריסקער רב, דער מתנגד.

פרץ דער קינסטלער האָט, אַליין נישט צו וויסן דערפון, געשלאָגן פּרצן דעם חסיד.

די אינטואיציע האָט גובר געווען.

דער בריסקער רב געהער צו די ערשטע קינסטלערישע שאַפונגען אין אונזער ליטעראַטור. ער שטייגט אַרויס מיט דעם קאָפּ העכער איבער די קליינלעכקייטן פון לעבן. קיין סך אַזוינע פיגורן, גאַנצע, שטאַרקע, פול מיט אינהאַלט, אָנגעלאָדן מיט אַ גייסטיקייט, וועט איר נישט טרעפן אין אונזער ליטעראַטור. נעמט און מאָלט אים, נעמט און גיסט אים פון בראָנז! און מיט וואָסערע קנאַפּע מיטלען איז דאָס דערגרייכט געוואָרן!

עס איז ביי פּרצן נישט דאָס ערשטע און נישט דאָס לעצטע מאָל, ווען זיין אונטערבאַוווסטזיין, זיין קינסטלערישע אינטואיציע שטייט אין אַ שאַרפן קאָנטראַסט צו זיין באַוווסטזיין, וואָס בלאָנדזשעט שטענדיק און כאַפּט זיך אָן יעדן טאָג אָן עפּעס נייעס. זעלטן איז צו געפינען אַ ביישפּיל פון אַזאַ אינערלעכער צעריסנקייט, פּונקט-קאַפּויערקייט, ווי ביי פּרצן.

וועגן דעם אין נאָענטן אַרטיקל.

אָנמערקונג פון רעדאַקציע: דאָס דאָזיקע קאַפּיטל איז געווען דאָס לעצטע, וואָס דער פאַרשטאָרבענער האָט באַוויזן אויפצושרייבן, איידער ער האָט אויסגעהויכט זיין נשמה.

פארלאג „קולטור-ליגע״, ווארשע

ה. ד. נאמבערג

געזאמלטע ווערק

ערשטער באַנד

דערציילונגען 142 פרייז —.3 זל.

צווייטער באַנד

דערציילונגען 144 ז׳ —.3

דריטער באַנד

דערציילונגען 138 ז׳ 3.20

פערטער באַנד

דערציילונגען 150 ז 3.20

פינפטער באנד

מיין רייזע איבער רוסלאנד 294 ז 6.75

זעקסטער באַנד

אמעריקע 280 ז׳ 6.50

זיבעטער באַנד

דערציילונגען 224 ז׳ 4.50

פרייז פון אַלע 7 ביכער 30.15 זל.

אין 5 פראַכטבענד 41.40 „

קאָאָפּ. פאַרלאַג „קולטור-ליגע" װאַרשע

שלום אַש

אַלע װערק

ש. אַש איז דער גרעסטער און שטאַרקסטער דיכטער
פון אונזער צייט.

נישטאָ קיין יידישער אינטעליגענט, אַרבעטער און פאָלקס-מענטש, וואָס זאָל נישט טרוימען צו האָבן בײַ זיך אין שטוב אַלע ווערק ש. אַש. דאָס איז ווירקלעך אַ ציִרונג אין יעדן הויז, אַ צירונג, וואָס פאַרשפרייט אַרום זיך ליכט און וואַרעמקייט.

שלום אַשס ווערק דאַרפן זײַן דער יסוד פון יעדער
יידישער ביבליאָטעק.

ביז איצט זענען דערשינען:

I.	אַ שטעטל	152 ז׳	פרייז 3.— זל.
	ר׳ שלמה נגיד	104 ז׳	„ 2.50
II.	בילדער און הומאָרעסקן	332 ז׳	„ 7.50
III.	הימל און ערד	298 ז׳	„ 6.60
IV.	אַמעריקע	336 ז׳	„ 7.50
V.	צוויי וועלטן	294 ז׳	„ 6.60
VI.	דאָס בוך פון צער	304 ז׳	„ 6.60
VII.	ארץ-ישראל	304 ז׳	„ 6.60
VIII.	מערי	246 ז׳	„ 5.60
IX.	דער וועג צו זיך	252 ז׳	„ 5.60
X.	אָנקל מאָזעס	216 ז׳	„ 4.90
XI.	מאָטקע גנב	348 ז׳	„ 7.70
XII.	די כישופמאַכערין פון קאַסטיליע	144 ז׳	„ 3.25
	קידוש-השם	196 ז׳	„ 4.—
XIII.	נייע דערציילונגען	192 ז׳	„ 4.—
XIV.	די מוטער	408 ז׳	„ 9.—
XV.	דראַמאַטישע שריפטן (ביבלישע און היסטאָרישע דראַמען): יפתחס טאָכטער, שבתאי צבי, אמנון און תמר	224 ז׳	„ 4.50

XVI.	דראמאטישע שריפטן (נאציאָנאלע דראמען) משיחס צייטן אונזער גלויבן א שנירל פערל דער טויטער מענטש	336 ז'	6.30 זל.
XVII.	דראמאטישע שריפטן (סאָציאלע דראמען) גאָט פון נקמה בונד פון די שוואכע מאָטקע גנב יחום	350 ז'	6.30 "
XVIII.	דראמאטישע שריפטן די יורשים מיטן שטראָם דער זינדיקער אום ווינטער מאראנען	230 ז'	4.50 "
XIX.	טויט-אורטייל	152 ז'	3.50 "
	חיים לעדערערס צוריקקומען	152 ז'	3.50 "
XX.	פון איין קוואל	256 ז'	5.50 "
XXI.	פאר יוגנט	268 ז'	5.50 "
	מעשהלעך פון חומש	144 ז'	3.— "
XXII.	מיין רייזע איבער שפאניע	118 ז'	3.— "
	דער מזבח	132 ז'	3.25 "
XXIII.	פעטערבורג	442 ז'	10.— "

פרייז פון אלע 28 ביכער (6700 ז') 149.80 זל.

אלע ווערק אין 23 פראכט-בענד 201.50 זל.

קוילן, דראמע	112 ז'	2.50 זל.

אָפּרופּן פון דער פּרעסע װעגן לעצטן
בוך פון שלום אַש

פּעטערבורג

קײן װערק פון שלום אַש פאַר דער לעצטער
צײַט האָט נישט אַרױסגערופן אַזאַ װאַרעמען אָפּ־
קלאַנג אין דער ײדישער פּרעסע, װי „פּעטערבורג“.

(ח. ש. קאַזדאַן, „ביכער־װעלט“): אַן עפּאָפּעע
פון פאַרלוירענעם גלויבן, פון אינערלעכע
לײדן, אױפריכטיק און מײַסטערהאַפט...

(ש. ניגער, „צוקונפט“): דאָס פּערזענלעכע און
סביבהדיקע זענען נאַטירלעך צוזאַמענגע־
װאַקסן אײנס מיט דאָס אַנדערע... דאָ זע־
נען פאַראַן דערגרײכונגען, װעלכע שטעלן
„פּאַרן מבול“ העכער פון אַלע פריערדיקע
װערק אַשס.

(י. מ. נײמאַן, „הײַנט“): דאָס זענען סצע־
נעס מײַסטערהאַפטע, האַ דאָס רעאַלע גע־
שען װערט דערהױבן צו װיזיאָן...

אַלע װערק פון שלום אַש אין 28 ביכער 149.80 זל.
אין 23 פּראַכט־בענד 201.50 זל.

אַדרעס פאַר באַשטעלונגען:

Spółdzielnia wydawnicza
„KULTUR-LIGA“ Warszawa, Leszno 40

פאַר געלט: פּ. ק. אָ. 2428

אין ניו־יאָרק: Max N. Maisel, 424 Grandstrit